Not knowing how to climb down,
And now he takes a walk on the narrow beams
Of the high, old barn; he jumps into the wool
Turning somersaults. He could break his neck.
And often she finds him, of all places, on the neck
Of the tall, stout, glistening Negro.
He sits on the Negro's shoulders, and drives him on,
He kicks him with his small brown feet,
And jabbers in a strange tongue.
The Negro dances and runs around the yard,
And jumps, his black feet like iron,
On glass bottles and sharp metal.
The mother's heart sinks, she trembles,
Lest that wild black man, forgive the thought, should,
God forbid, hurt her child.
Her husband watches this scene
But remembering another time in the barn,
He stands and looks in wonder and amazement
And sees in everything the hand of God.

*Traditional Jewish women keep their heads covered. They usually wear scarves but on special occasions, a wig.

און ס'איז דער ייד געזעסן אַ פֿאַרשעמטער
צווישן רייכנדיקע וויצלדיקע מענער.

ס'איז טונקעלער געוואָרן. מיט דער זון,
האָט אויך דער ברען און פֿריילעכקייט געזעצט זיך.
די ווייבער זיינען אָפּגעקילט געוואָרן,
צוריק זיך אָפּגעטיילט אין זייער ווינקל.
די פּנימער זיינען געוואָרן ערנסט.
מען האָט זיך אויפֿגעהויבן, זיך צעגענעצט,
און שווייגנדיק גענומען זיך צעקריכן.
די מאַנסלייט פֿאָרויס מיט די ליולקעס רויך
און הינטער זיי די ווייבער מיטן ווייסצייג.
מען האָט געקלאַפּט דעם יידן אויפֿן פּלייצע:
„ווי רופֿט מען דיך?"
„דזשאָשוע."
„פֿיינער נאָמען,
מיר וועלן פֿון היינט אָן דיך רופֿן: דזשאָש."
און מען איז זיך צעקראָכן אין דער נאַכט.

ה

## אין נייעם לאַנד כנען

אין פֿרישן קלאָרן זומערדיקן טאָג
האָט הויך געקלונגען דאָס געבראַזג פֿון אייזנס.
דער ברייטער הויף איז פֿול געווען מיט ברוכוואַרג
מיט שטיקער אַלטע שימלדיקע אייזנס,
מיט טויזנטער פֿאַרשטויבטע אַלטע פֿלעשער
וואָס האָבן זילבערן און גרין געגלאַנצט

אין שיין פֿון הייסער דרומדיקער זון.
אַ טוצן הינער האָבן אומגעפּיקט אין הויף,
און סיהאָט דער גאַלאַנטער האָן מיט שפּאָרן
געשפּירט זיך יחסנדיק, און זיי מושטירט.
דער אַלטער שייער איז געווען פֿאַרוואָלגערט
מיט שמאַטעס, מיט פּאַפּיר, מיט פֿערדנביין.
עס האָט געזעצט אין נאָז דער שאַרפֿער ריח
פֿון נאַס־פֿאַרבלוטיקטע געזאַלצטע פֿעלן,
און פֿליגן האָבן וואָלקנווייז געזשומעט.
די אַלטע חורבה ביים אַריינגאַנג הויף,
אַרומגעשפּאַרט מיט שפּאָלן אין דעם קרום,
האָט יונג געגלאַנצט מיט אירע בלאַנקע שויבן,
דעם רויך געבלאָזן פֿון איר נייעם קוימען.
און אין דעם שאָטן פֿון דעם אַלטן שייער
געשטאַנען זיינען צוויי געבויגענע פֿיגורן:
אַ גרויסער שוואַרצער נעגער אויף די קני,
האַלב־נאַקעט, גלאַנצנדיק, די רויטע צונג
פֿאַרביסן אין די שטשירענדיקע ציינער,
פֿעסט האַלטנדיק אַן אייזן אין די הענט.
און ס'האָט דער ייד געבראַזגעט אויפֿן אייזן,
געשווינגט דעם שווערן האַמער און געשלאָגן,
און איטלעך מאָל, ווען ס'איז דער האַמער אויסגעפֿאַלן
און אָנגעשלאָגן זיך אָן גרויען אייזן —
האָט זיך דער נעגער אויף צוריק געכאַפּט,
ניט אָפּגעלאָזט די רויטע שווערע אויגן
פֿון פֿליענדיקן האַמער אין דער לופֿט.
דעם יידנס פּנים איז געווען פֿאַרברענט,
דאָס געל און שפּיציק בערדל איז פֿון שטויב
געווען פֿאַרשוואַרצט. דערפֿאַר האָבן די אויגן
באַקומען נאָר אַן אַנדער פֿרייען ליכט.

די הויכע בלאַסע שווייגנדיקע יידענע
אין שוואַרצן שייטל אויפֿן קאָפּ, פֿלעגט אָפֿט
אַרויסלויפֿן פֿון שטוב צו אויפֿזוכן
דעם קליינעם יאַנקעלע. דאָ טוט ער זיך

פֿאַרקלייבן אויף דער הויכער קופּע אייזן,
ניט וויסנדיק ווי קלייבט מען זיך אַראָפּ.
און דאָ שפּאַצירט ער אויף די שמאָלע באַלקנס
פֿון הויכן אַלטן שייער, שפּרינגט אין וואָל,
און מאַכט דאָרט קאָזעלקעס, דעם קאָפּ צו ברעכן.
און אָפֿט מאָל טרעפֿט זי אים גאָר אויפֿן קאַרק
פֿון הויכן גראָבן גלאַנצנדיקן נעגער.
דאָס זיצט אים אויפֿן קאַרק, און טרייבט אים אָן
און דריגעט אין אים מיט די ברוינע פֿיסלעך,
און פּלוידערט אַ משונהדיקן לשון.
דער נעגער טאַנצט און לויפֿט איבערן הויף,
און שפּרינגט מיט אייזערנע און שוואַרצע פֿיס
אויף פֿלעשער גלאָז און שטעכעדיקע אייזנס.
און איר, דער מאַמען, פֿאַלט דאָס האַרץ אַוועק, ציטערט
דער ווילדער שוואַרצער מענטש, זאָל באָט ניט שטראָפֿן,
זאָל נאָך דאָס קינד חלילה ניט צעשעדיקן.
נאָר ווען דער מאַן דערזעט דאָס בילד פֿאַר זיך,
דערמאָנט ער זיך אָן יענער נאַכט אין שייער —
ער שטייט און קוקט פֿאַרוואונדערט און פֿאַרגאַפֿט,
און זעט אין דעם אַ פֿינגער דאָ פֿון גאָט.

With a melodious drawl, as if in church,
Showing his mastery of the Old Testament,
Mixing in passages from Luke and Paul,
And from the other Apostles,
And finished with a quiet question:
How does he come to work on the day of rest?
The Jew countered gracefully:
He is a Jew and observes the old faith,
As the Old Testament directs:
Six days a week you should do your work,
But the seventh, is the Sabbath,
You should rest and keep it holy,
You and your child, your ox, and your donkey.
At this the pastor was surprised,
Pityingly, he shook his head:
Does he not know that Jesus Christ, the Son,
Had abolished rest on Saturday:
And in its place appointed Sunday.
Now the Jew answere[illegible]fully:

He is unlearned, unschooled,
And not equipped to engage in a dispute
With one so fortified with knowledge.
He only follows in the path of his fathers,
And does as they did.
This pleased the thin pastor very much,
He rose and shook his hand,
Bowed again to the woman,
And quietly withdrew.
The neighbors stood up,
Patted him on the back: "Well said."
The next day the Jew received
A heavy, thick, flexible book:*
The Old and the New Testament,
A gift from the thin pastor.

## D. Dixie Land

The powerful skilled hunters from the hills
Began to appear in the yard
In high boots and short pelts.
These were youths—ruddy and robust,
With young curly beards and hair,
Broad-boned, strong and tall,
Tanned winter and summer
Except for deep, white, puckered scars
In the thick hair of their cheeks, or on their foreheads,
Their ears split in half and grown together.
They came with the first light frost,
When dead grass shines silvery,
And the sun hangs low
Half silver, half copper, half crooked,
In a milky-white sky.
Single file, man after man, silent,
Thick fur hats on their heads,
Sharp knives in their belts:
Their mouths breathe
Small white clouds in the brisk air;
Heavy, white, unpolished boots
Beat out a measured rhythm
On the hard ice
Like soldiers marching to battle,
To the beating of a drum and the rapid sounds of buckshot.
Bundles hung down from shoulders,
And golden-red fox skins
Heavy with soft hair,
Flashed in the fresh morning light.
Brown shining mink,
Blue-black rats and skunks
With small round glitter-glass eyes—
Still smelling of blood, of snow, of woods,
Intertwine, and mingle as if alive.
The colored tails dangling as if alive.

They all made themselves famous
In the difficult bloody Civil War
With their steady hands and sharp eyes.
They were close to celebrating a victory
Around the fortresses of Washington;
They bled in the march of the armies
When Lee started to withdraw;

*Seyfer, the word Schwartz uses, means a Jewish holy book. Its use is ironical.

געצויגן מיט אַ ניגון ווי אין קירך,
געוויזן בקיאות אין דעם אַלטן טעסטאַמענט,
געמישט פֿון לוקאַס און פֿון פּאַול מיט פּסוקים,
און פֿון די אַנדערע אַפּאָסטאָלן פֿון קירך,
און אויסגעלאָזן מיט אַ שטילע פֿראַגע:
ווי קומט עס האָט ער אַרבעט אין דעם טאָג פֿון רו?
דאָ האָט דער ייִד בנעימותדיק געענטפֿערט:
ער איז אַ ייִד, און האַלט פֿון אַלטן גלויבן,
ווי ס'שטייט פֿאַרזאָגט אין אַלטן טעסטאַמענט:
זעקס טעג אין וואָך זאָלסטו דיין אַרבעט טאָן,
און אינם זיבעטן, אין טאָג פֿון שבת,
דאַן זאָלסטו רוען און אים הייליקן,
צוזאַמען מיט דיין קינד, דיין אָקס און אייזל.
אויף דעם האָט זיך דער פּאַסטאָר שוין פֿאַרחידושט,
רחמנותדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ:
צי ווייסט ער ניט, אַז דושיזוס קרייסט, דער זון,
האָט שוין דעם שבת אָפּגעשאַפֿט די רו,
און אויף זיין פּלאַץ געשטעלט דעם זונטיקדיקן טאָג?
דאָ האָט רחמנותדיק דער ייִד געענטפֿערט:
איז ניט געלערנט, ניט שטודירט אין שולן,
איז ניט בכּח צו פֿאַרפֿירן אַ דיספּוט
מיט איינעם וואָס איז שטאַרק און גרויס אין וויסן.
ער גייט בלויז אין דעם וועג פֿון זיינע פֿאָטערס,
און טוט ווי זיי האָבן געטאָן. — איז דאָס
דעם דינעם פּאַסטאָר שטאַרק געווען געפֿעלן,
זיך אויפֿגעהויבן און געדריקט זיין האַנט,
פֿאַרבויגט זיך ווידער פֿאַר דער ייִדענע,
און זיך אַוועקגעשליכט מיט שטילע טריט.
עס האָבן זיך די שכנים אויפֿגעשטעלט,
געקלאַפּט אים אויף דער פּלייצע: גוט געזאָגט.
אויף מאָרגן האָט דער ייִד באַקומען צוגעשיקט
אַ שווערן דיקן בייגעוודיקן ספֿר:
דעם אַלטן מיטן נייעם טעסטאַמענט —
געשיקט פֿון דינעם פּאַסטאָר אַ געשאַנק.

ד

## דיקסי־לאַנד

עס האָבן זיך גענומען ווייזן אינם הויף
די מעכטיקע געשיקטע יעגער פֿון די בערג
אין הויכע שטיוול און די קורצע פּעלצן.
דאָס זיינען געווען יונגען — גלוט און בלוט,
מיט יונגע קרייזלדיקע בערד און לאָקן,
ברייטביינערדיק און הויך און שטאַרק געוואַקסן,
אין ווינטער ווי אין זומער ברוין פֿון זון
מיט ווייסע טיפֿע איינגעקאָרבטע שראַמען
אין וואָלדיק האָר פֿון באַק, אויף בלאַסע שטערנס,
מיט אויערן צעשפּאָלטענע אין העלפֿט,
און ווידער שטיק אויף שטיק צונויפֿגעוואַקסן.
די פֿלעגן קומען מיט די ערשטע פֿרעסטלעך,
ווען טויטע גראָז גלאַנצן זילבערדיק,
און ס'הענגט אַראָפּ אַ נידעריקע זון
האַלב זילבערן, האַלב קופּערן, האַלב קרום,
פֿון ניט קיין הויכן מילכיק־ווייסן הימל.
שורענגעטווייז, מאַן הינטער מאַן, אַנטשוויגענע,
מיט שווערע פֿוטערהיטלען אויף די קעפּ,
מיט אונגעשטעקטע מעסערס אין די גאַרטלען;
און פֿון די מיילער האָט געהויכט מיט וואָלקנדלעך
פֿון דינעם ווייסן פֿראָסט אין שטייפֿער לופֿט;
די גראָבע ווייסע שטיוול ניט געשמירט,
די האָבן אין דעם קערנדיקן אייז
געשלאָגן ריטמיש, אויסגעקלונגען טאַקט,
ווי עס מאַרשירן זעלנער צו אַ קריג,
מיט קלאַפּן פֿונם פּויק אין דראַבנעם שראָט.
פֿון אַקסלען האָבן בונט אַראָפּגעהאַנגען,
געבליצט אין מאָרגנדיקן פֿרישן ליכט
די גאָלדיק־רויטע שווערע פֿוקסן פֿעל
מיט ווייכע האָר; דער גלאַנצנדיקער מינק
פֿון פֿליסנדיקן ברוין האָט גיסט זיך איבער.
די בלויע שוואַרצקייט פֿונם ראַץ און טכויר
מיט פֿינקלגלעזערדיקע קיילעכדיקע אייגלען —
וואָס שמעקן נאָך מיט בלוט, מיט שניי, מיט וואַלד,
און באַמבלען זיך מיט די קאָלירטע עקן
און פֿלעכטן זיך, און מישן זיך ווי לעבעדיק.

די אַלע האָבן זיך געמאַכט באַרימט
אין בלוטיקן, אין שווערן, ברודער קריג
מיט זייער פֿעסטער האַנט און שאַרפֿן אויג.
געהאַלטן נאָנט ביים פֿייערן אַ זיג
אַרום די פֿעסטונגען פֿון וואַשינגטאָן;
געבלוטיקט אין דעם מאַרש פֿון די אַרמייען
ווען לי האָט אָנגעהויבן גיין צוריק;

Many lived through the destruction
Of New Orleans, Atlanta, and Columbia,
Which still smouldered in their hearts
As a fire smoulders under gray ashes.
They still remembered the Battle of Richmond,
And the gray head of the chivalrous Lee.
The crying of old gray-bearded veterans
Wearing battle-torn uniforms
Still echoed in their ears.
But young life stirred in their veins—
And when their work was finished
They gathered in a corner of the barn,
Where the old glowing stove
Sputtered with red crackling heat.
They draw from their boots flasks
Of strong, white, burning whiskey.
Their eyes flash and grow big,
They gauge their strength, wrestle.
Their long hair falls unruly,
The laughter sounds hot and thunderous,
They gossip about the neighbors:

Who beats his wife, and who slaps her husband,
And whose horse is good, and whose better,
And who took whose bride away,
Led her away from the church on the wedding night
With guns in hand, and what the groom
Intends to do about it; they joke
About the families of bride and groom; there is
Red merriment in the corner of the barn,
Which spreads to the far, cold wall,
Over heaps of salted hides,
Horse bones, and old rags.

Sometimes they recall the war:
They list the names of friends
Who died in their arms
In cold, wet holes.
They drink "*lekhayim*"* to their memory,
And force the Jew to take a sip;
Hearts are laid open,
Vehement, excited words pour out
With fire, with spice, with heart and soul.
How that tall thin Lincoln
With the unscrewed limbs, long arms
And pale drawn out face
In his tall, shining top hat,
Came unexpectedly, unanticipated,
Into Richmond on a fine day:
No bell resounded, no gun cracked,
But suddenly, like wild fire,
The tidings spread: It is he, it is he.
And town and street were flooded
By a wild sea
Of crying, laughing black faces.
Their eyes gleamed, white and flashing,
Hands stretched out to him.
Small children were held over heads;
And from the bosom of the black sea
The roar of Africa struggled out.
Tearing and pulling at their clothes,

They broke into a mad, fiery dance.
Turning, convulsing towards the earth,
They cry in wildest ecstasy:
"My Jesus!" "My Saviour!" "Hallelujah!"
The pale face of Abe
Distorted with pain and woe.

The brave hunters drink excitedly.
Their eyes bloodshot,
Their white scars shining,
And from hot bullnecked throats
A passionate song erupts
Of proud, bold, brave Dixie Land.
The song, loud and fervent,
Fills the dim old barn
And bounces off the blackened ceiling:
A zealous outcry hot with pride:
"Hooray, hooray, for Dixie, Hooray!"

נאָר פֿילע האָבן דורכגעמאַכט דעם חורבן
פֿון ניו־אָרלינס, אַטלאַנטאַ און קאָלאָמביאַ,
וואָס האָט זיך נאָך געטליעט אינם האַרצן
ווי ס'טליעט פֿייער אונטער גרויען אַש.
זיי האָבן נאָך געדענקט דעם טאָג פֿון ריטשמאָנד,
דעם גרויען קאָפּ פֿון ריטערלעכן לי,
און דאָס געוויין פֿון אַלטע וועטעראַנען
מיט גרויע בערד, צעשאָסענע מונדירן,
האָט נאָך געקלונגען אין די אויערן.

נאָר ס'יונגע לעבן האָט געקאָכט אין בלוט —
און אַז געשעפֿט פֿלעגט ווערן אָפּגעטאָן
פֿלעגט מען פֿאַרקלייבן זיך אין ווינקל שייער,
וואו ס'האָט דער אַלטער אָנגעגליטער אויוון
געשפּריצט מיט רויטער שיפּערדיקער היץ.
מען פֿלעגט אַרויסציען פֿון ברייטע כאָליוועס
דעם ווייסן שטאַרקן ברענענדיקן בראָנפֿן.
די .אויגן ווערן אויפֿגעבליצט און גרויס,
מען מעסט די כּוחות, און מען ראַנגלט זיך,
די לאַנגע לאָקן פֿלאַטערן צעיאָגט,
עס קלינגט אַ הייס און דונערדיק געלעכטער.
מען נעמט אַרויף די שכנים אויפֿן צימבל:
ווער ס'שלאָגט זיין ווייב, און ווער עס פּאַטשט איר מאַן,
און וועמעס פֿערד איז גוט, און וועמעס בעסער,
און ווער .ס'האָט וועמעס כּלה צוגענומען,
אַוועקגעפֿירט פֿון קירך אין חופּה־נאַכט
מיט ביקסן אין די הענט, און וואָס דער חתן
מיינט וועגן דעם צו טאָן; מען וויצלט זיך
אויף חתן און אויף כּלהס צד; עס שפּייט
אַ גרויסע רויטע פֿרייד אין ווינקל שייער,
צעגיסט זיך ביז דער קאַלטער ווייטער וואַנט,
אַריבער בערג מיט איינגעזאַלצטע פֿעלן,
מיט פֿערדישן געביין און אַלטער שמאַטע.

אַמאָל דערמאָנט מען זיך אָן בייזן קריג:
מען רעכנט אויס די נעמען פֿון חברים
וואָס זיינען אויף די הענט ביי זיי געשטאָרבן
אין נאַסע קאַלטע גריבער פֿונם פֿעלד.
מען טרינקט „לחיים" זייער אָנדענקען,
מען מאַכט דעם ייִדן נעמען צו די ליפּן;
עס עפֿענען זיך הערצער גרויס און ברייט,
און ס'גיסט זיך ברויזנדיק אַ הייס געשפּרעך
מיט פֿייער, מיט געווירץ, מיט האַרץ און זעל.
און ווי אַזוי דער הויכער דאַרער לינקאָלן
מיט די צעשרויפֿטע גלידער, דאַרע הענט,
און מיט דעם בלאַס און אויסגעצויגן פּנים
אין הויכן גלאַנציקן צילינדערהוט,
איז אומגעריכטערהייט, פֿון קיינעם ניט דערוואַרט,
אַריין אין ריטשמאָנד אין אַ פֿיינעם טאָג:
קיין גלאָק האָט ניט געהילכט, קיין ביקס געקנאַלט
נאָר פּלוצים האָט זיך ווי דאָס ווילד־פֿייער צעשפּרייט
די שטילע בשורה: דאָס איז ער, ס'איז ער.
און שטאָט און גאַס זיינען פֿאַרפֿלייצט געוואָרן
זיך אויסגעגאָסן אין אַ ווילדן ים
פֿון שוואַרצע וויינענדיקע לאַכנדיקע קעפּ.
די אויגן האָבן ווייס און בליצנדיק געבלאַנקט,
און שוואַרצע הענט האָבן צו אים געשטרעקט זיך
מיט קליינע נעגער־קינדער איבער קעפּ;
און פֿון דער ברוסט פֿון שוואַרצן ים אַרויס
האָט זיך געריסן דאָס געברום פֿון אַפֿריקע,
געריסן און געצופּט פֿון זיך די קליידער,
געבראָכן זיך אין ווילדע פֿייערדיקע טענץ,
געדרייט זיך, קאָנוואַלסירט ביז צו דער ערד,
געשריען אין דעם ווילדסטן עקסטאַז:
„מיין דזשיזוס!" „מיין רעדיימער!" „הללויה!"
און ווי דאָס פּנים פֿון דעם בלאַסן אייב
האָט זיך פֿאַרצויגן ווייטיקלעך מיט פּיין.

די בראַווע יעגער טרינקען אויפֿגערעגט:
די אויגן נעמען זיך פֿאַרגיסן רויט
די ווייסע שראַמען גליען זיך פֿונאַנדער
און פֿון די ברייטע פֿלאַמענדיקע העלדזער
הייבט אָן צו פֿליסן מעכטיק דאָס געזאַנג
פֿון שטאָלצן מוטיק־בראַוון דיקסי לאַנד.
דאָס ליד פֿליסט שטראָמענדיק און, הויך און רויט,
פֿילט אָן דעם טונקעלן דעם אַלטן שייער
און קלאַפּט זיך אָן ביז צום פֿאַרשוואַרצטן באַלקן,
מיט ברענענדן געשריי און פֿלאַם און שטאָלץ:
„הוראַ, הוראַ, פֿאַר דיקסי, הוראַ!"

*Schwartz puts the word in quotations in the text to point out the irony of the drunken Confederate soldiers making a toast "to life" to their dead compatriots.

# Three

## A. Winter

That year saw a winter
Glittering with frost and heavy snows:
Alaska blew into the country,
And birds, victims of the dry piercing wind,
Fell onto the hard greenish-sparkling snow.
The rivers were ice-bound,
And blue-green squares of heavy ice
Were chopped from the wells
And melted in kettles for drinking.
The community was cut off,
As if with a white, flashing knife
From the surrounding world. The drifts of snow
Covered every road and path,
And all the train tracks.
Twilight played its game
In the cold, rose-colored evening.
The distant hills appeared
Locked in white woods.
Green blue shadows looked coldly
Down upon the valley and the small settlement
Frozen in ice to the midriff.
Thick rose-colored hats of snow on the roofs,
Straight, slender columns of gray smoke
Rising from the hats
To the deep star-studded sky.
Later, the Alaskan breath abated,
And another wind blew in.
The gray sky descended,
And when the smoke from the chimneys tried
To rise into the air, the eye
Could not distinguish the smoke
From the sky. As if from a fine sieve,
Something sifted continuously,
Day and night. Neither water, nor ice,
It made the snow heavy, and the ice dismal.
When the ice-rain stopped
A pale sun shone.
Each tree was covered with glass,
Each branch of the linden, the chestnut,
And the small evergreen
Was covered with thick glass.
And from under the frozen prism
The black-green parts of the branches
Looked out in fantastic patterns.
At the slightest wind
The long, heavy, glassy branches
Rang in the air.
Tree and sapling bent to the ground,
Roofs sagged under the burden
Of heavy, sparkling, ice-glass.
Work in the junkyard came to a halt,
Iron frozen in the ice
Smelled of rust
And its driving cold kept all away.
In the house the oven burned day and night
But the old house was cold and cheerless.
Thick heavy shields of ice
Appeared on the walls
Like infected blisters on a sick body.
In the pale light of day
They spread a dark gloom.
The gray bearded elders on the walls
Froze and grew paler,
The thin-lipped old grandmothers
Grimaced, blue from cold.
When the thaw began outdoors
Cloudy drops, slowly creeping,
Began dripping from the walls.

Little Pearl, skin and bones,
Lay sad and quiet
In the big bed, her feet stiff.
The quiet, bundled-up woman
Poured boiling water into bottles
To keep her baby warm.



## א

## ווינטער

אין יענעם יאָר האָט זיך געשטעלט אַ ווינטער
מיט גלימצערדיקע פֿרעסט און שווערע שנייען;
אַלאַסקאַ האָט אַ בלאָז געטאָן אין לאַנד,
און פֿייגל האָבן אָנגעהויבן פֿאַלן
פֿון טרוקענעם און שאַרפֿן אָטעם פֿון דער לופֿט
אין האַרטן גרינלעך־פֿינקלדיקן שניי.
די טייכן האָבן זיך פֿאַרקאַוועט שווער,
און פֿון די ברונימער האָט מען געהאַקט
די גרינלעך־בלויע סקווערן שווערן אייז
און זיי צעלאָזט אין קעסלען אויף צו טרינקען.
דער ישוב איז געוואָרן אָפּגעשניטן
ווי מיט אַ ווייסן פֿלאַמיק־שאַרפֿן בעסער
פֿון גרויסער וועלט אַרום. — די הורבעס שניי
האָבן פֿאַרשאָטן יעדן וועג און טראַקט,
פֿאַרשאָטן אַלע רעלסן פֿון די באַנען.
און אַז דער קורצער, שאַרפֿער, ראָזיקער פֿאַרנאַכט
פֿלעגט זיך צעשפּילן מיט קאָליר און פֿאַרב —
דאַן פֿלעגן זיך אַנטפּלעקן ווייטע בערג
מיט ווייסע וועלדער ענג צונויפֿגעשלאָסן,
וואָס קוקן קאַלט מיט גרינעם און מיט בלויען שנייִ
אַראָפּ צום קליינעם ישוב אינעם טאָל,
וואָס ליגט אין אייז פֿאַרגליווערט ביז צום גאַרטל
מיט גראָבע ראָזע היטלען שנייִ אויף דעכער;
און פֿון די היטלען ציען גרויע רויכן
אין גראָדע שלאַנקע פֿליסנדיקע זיילן
צום טיפֿן הימל אָנגעוועבט מיט שטערן.

דערנאָך האָט דער אַלאַסקער אָטעם נאָכגעלאָזט,
און ס'האָט אַ ציִ געטאָן אַן אַנדער ווינטל;
דער הימל איז געוואָרן נידעריק און גרוי,
און אַז דער רויך פֿון קוימענס האָט געפּרוּווט
זיך אויפֿהייבן אין לופֿטן, האָט דאָס אויג
שוין ניט געקענט דערקענען, וואו איז רויך
און וואו איז הימל. ווי פֿון דינער זיפּ
האָט טאָג מיט נאַכט געשאָטן גאָר אָן אויפֿהער
מיט עפּעס ניט קיין וואַסער, ניט קיין אייז,
און שווער געמאַכט דעם שנייִ, און טריב — דעם אייז.
און אַז דער אייז־רעגן האָט אויפֿגעהערט צום סוף
און עס האָט אויפֿגעלויכט אַ בלאַסע זון —
האָט איטלעך בוים זיך איינגעדעקט אין גלאָז,
און איטלעך צווייַג פֿון ליפּע און פֿון קאַשטאַן,
און פֿון די קליינע נאָדלדיקע ביימלעך,
זיי האָבן זיך באַדעקט מיט גראָבן גלאָז;
און פֿון דעם גלאָז האָבן אַרויסגעקוקט
די שוואַרצלעך־גרינע טיילן פֿון די צווייגן
ווי אויסגעשוואָלן, אין פֿאַנטאַסטישע אורנאַמענטן.
און אַז דאָס מינדסטע ווינטל איז געקומען
האָט אָנגעהויבן קלינגען אין דער לופֿט
מיט לאַנגע שווערע גלעזערדיקע צווייַגן;
עס האָבן ביים און ביימל זיך געבראָכן,
עס האָבן דעכער זיך געוועצט פֿון משא
פֿון שווערן גלימצערדיקן אייזיק־גלאָז.

דער הויף מיט ברוכוואַרג האָט זיך אײַנגעוועצט,
איינגעפֿרוירן מיט די אייזנס אינעם אייז,
און פֿון די אייזנס האָט געשמעקט מיט ראָסט,
געיאָגט פֿון זיך מיט ברענענדיקער קעלט.
אין שטוב האָט טאָג ווי נאַכט געברענט דער אויוון
נאָר ס'הויז איז אַלט געווען און קאַלט און אומעטיק.
און ס'זיינען אויף די ווענט אַרויסגעוואַקסן
געדיכטע שווערע פּאַנצערן פֿון אייז,
ווי אייטער־פּענכערס אויף אַ קראַנקן גוף,
וואָס האָבן אין דעם בלאַסן שיין פֿון טאָג
אַ בייזע מרה־שחורה אָנגעוואָרפֿן.
די זיידעס אויף די ווענט האָבן געפֿרירט
געוואָרן בלאַסער מיט די גרויע בערד;
די אַלטע באָבעס מיט די דינע ליפּן
זיי האָבן זיך געקרימט אין בלוי פֿון קעלט.
און אַז אין דרויסן האָט געגומען אָפּגיין —
האָט אָנגעהויבן רינען פֿון די ווענט
מיט לאַנגזאַם־קריכנדיקע מוטנע טראָפּנס.

די קליינע פּערעלע אין גרויסן בעט
איז שוין געלעגן אומעטיק און שטיל
אין נאַקעט הויט און ביין, די פֿיס פֿאַרשטאַרט,
און ס'פֿלעגט די שטילע אײַנגעפּעלצטע ייִדענע
דאָס זודיק וואַסער גיסן אין די פֿלעשער
כּדי דאָס עופֿהלע צו וואַרעם האַלטן.

## B. God Has Taken, God Has Given

The cold let up. A blue
Sunny-bright winter's end arrived
With cold nights, frosty mornings,
And white crackling ice.
Each day the sun was warmer,
Kinder, brighter, larger.
The blue of the sky deepened,
And birds began to sing
From every crack of the old black roof.
Fresh breezes began to blow,
Dispersing a new scent.
And the trees came alive suddenly,
The black branches
Throbbed and swelled,
Into greenish-black buds
Smelling of luscious bitterness
And the ground sprouted
Fine young green grass.

The frozen house began to warm up.
When the noonday sun beat down,
The logs dripped
Heavy, golden drops of sap
Whose seductive forest smell
Crept into the nose and throat.
The windows opened wide again.
In the yard, early spring sounds
Vibrated cheerfully in the air:
The loud sound of iron,
The noise of wheels cutting into the soft ground,
The whinnying of horses and loud laughter.
The cow softly mooed in the grass,
And the young, newborn calf
With moist, big bluish eyes
Played with its mother's pink udders,
Kicking its thin legs.
The cow glided her flabby neck
Over the rounded back
Of the nursing calf, and the calf
Danced and nuzzled with pleasure.

Early one morning
Something awakened Jake from sleep.
It was thus: in the sharp blue
Of daybreak,
Something new was in the air,
Thin, shrill, stubborn squeals
Kept on annoying his ears,
Tenacious, as an angry buzzing gnat.
Jake pulled the quilt over his head,
He twisted himself into a round ball.
And good riddance. But there was hardly time
To find sweet rest
Before the thin watery squealing crawled
Under the cover and the quilt,
Creeping into his ear, pestering him.
Jake, straining with all his might,
Remained quietly huddled under the covers,
His eyes opened wide under the quilt,
His ears on the alert, his body tense.
Clearly, it's not a cat, it's not a swallow,
But something different. Quietly, slowly, he
Pulled down the quilt from his head
And saw his mother lying pale in her bed.
Trembling on the pillow was a little,
Red, wrinkled, doll's head,
Wet hair pasted to its forehead,
The small face all mouth. And it screams,
A thin shrill, long cry.
Jake lay with bated breath,
Until he felt driven out of bed,
His white shirt hiked to the knee,
His face flushed, lightning in his eyes.
He stormed through the house,
Screaming the Indian battle cry
At the top of his lungs.
Like the Black in his father's yard,
He quivered with wild excitement,
Every young limb vibrating.
Jumping all over the place,
He broke into a wild dance.

ב

## גאָט האָט גענומען, גאָט האָט געגעבן

די קעלט האָט נאָכגעלאָזט. ס'האָט זיך געשטעלט
אַ בלויער זוניק־ליכטיקער סוף־ווינטער,
מיט קילע נעכט און פֿרעסטלדיקע מאָרגנס
מיט ווײַסן קילן שאַרכנדיקן אײַז.
מיט יעדן טאָג האָט זיך די זון צעוואַרעמט,
געוואָרן ליבער, פֿלאַמענדיקער, גרעסער;
עס האָט דער בלוי פֿון הימל זיך פֿאַרטיפֿט,
און פֿייגל האָבן אָנגעהויבן זינגען
פֿון יעדן שפּאַלט פֿון אַלטן שוואַרצן שייער;
און נײַע ווינטלעך האָבן אָנגעהויבן גיין,
געטראָגן ווייען מיט אַ נײַעם ריח;
און פּלוצים האָבן ביימער זיך צעפֿאַנגט,
און אויף די שוואַרצע און צעיאָירטע צווײַגן
פֿאַרנומען האָבן זיך און זיך פֿאַרשוואָלן,
זיך אָנגעזאַפּט גרינלעך־שוואַרצע קנאָספּן
וואָס האָבן מיט אַ זאַפֿטיק־ביטערקייט געשמעקט;
און ס'האָט גענומען אויסשיסן פֿון גרונט
מיט דינעם גרינעם קינדערישן גראָז.

ס'פֿאַרפֿרוירן הויז האָט זיך גענומען וואַרעמען,
און אַז די זון פֿלעגט זיך אין מיטאָג־שעה צעהיצן,
האָט פֿון די קלעצער אָנגעהויבן טריפֿן
מיט פֿעטע גאָלדיקע און שווערע טראָפּנס
וואָס האָבן זיך אין נאָז און האַלדז פֿאַרקליבן
מיט זייער רייצנדיקן וואַלדיק ריח.
די פֿענצטער האָבןווידער זיך צעעפֿנט,
אין הויף איז אויסגעצויגן הויך געשטאַנען
אַן אָנהייב־פֿרילינגדיקער קלאַנג פֿון אײַזנס
וואָס האָט געציטערט מונטער אין דער לופֿט,
מיט ווייכע אײַנשניטן פֿון רעדער אין דער ערד,
מיט הירזשן פֿון די פֿערד, און הויך געלעכטער.
די קו האָט ווייך געמוקעט אינם גראָז,
און ס'האָט דאָס יונג דאָס נײַגעבוירן קעלבל
מיט בלויליכע און פֿײַכטע גרויסע אויגן
געשפּילט זיך מיט דער מאַמעס ראָזן אײַטער,
געבריקעוועט אויף אַלע דינע פֿיסלעך;
און ס'האָט די קו מיט דעם געפֿאַלדעוועטן האַלדז
געפֿירט אַריבער דעם קײַלעכדיקן רוקן,
פֿון זייגעדיקער קאַלב. און ס'האָט די קאַלב
געטאַנצט און זיך געקושמערט פֿאַר הנאה.

אין אײן פֿרימאָרגן פֿון אַ יונגן טאָג
האָט דזשייקן עפּעס אויפֿגעוועקט פֿון שלאָף;
געווען איז דאָס אַזוי: אין שאַרפֿן בלוי
פֿון יונגן זיך פֿאַרטאָגנדיקן טאָג,
האָט עפּעס נײַס גענומען ציען אין דער לופֿט
מיט דין מיט שאַרף מיט אײַנגעשפּאַרט געפּישטש,
וואָס איז ניט אָפּגעטראָטן פֿון די אויערן —
ווי ס'פֿרעסט זיך אײַן אַ בייזער זשומנדיקער מוק.
האָט דזשייק די קאָלדרע איבער קאָפּ פֿאַרצויגן
זיך אײַנגעדרייט אין קײַלעכדיקן קנויל —
און פּטור. נאָר ס'איז נאָך קיין צײַט געווען
זיך אָפּצוגעבן צו דער זיסער רו —
ווי ס'איז דאָס וואַסערדיק געפּישטש פֿאַרקראָכן,
פֿאַרקליבן זיך אַרונטער דעק און קאָלדרע,
און קריכט אין אויער, און דערגייט די יאָרן.
האָט דזשייק זיך אָנגעשטרענגט מיט אַלע כּוחות,
געבליבן שטיל פֿאַרטוליעט אין דעם דעק,
די אויגן אויס צעעפֿנט אין דער קאָלדרע,
און אָנגעשפּיצט די אויערן, צום פּלאַצן;
ס'איז קלאָר: ס'איז ניט קיין קאַץ, ס'איז ניט קיין שוואַלב,
נאָר עפּעס אַנדערש. האָט ער שטיל, פּאַמעלעך,
אַראָפּגערוקט די קאָלדרע פֿונם קאָפּ —
ער זעט: די מאַמע ליגט אַ בלאַסע אין דעם בעט,
און אויף איר קישן ליגט אַ צאַפּלדיקס, אַ קליינס,
אַ רויטס, און אַ צעקנייטשטס, אַ ליאַלקע־קעפּל,
מיט נאַסע האָרלעך צוגעקלעפּט צום שטערן,
דאָס גאַנצע פּנימל איז לויטער מויל — און שרײַט
אַ דין, אַ קוויטשעדיק, אַ לאַנג געשריי.
איז דזשייק געלעגן מיט פֿאַרכאַפּטן אָטעם,
ביז ס'האָט אים אויסגעריסן פֿון געלעגער,
דאָס ווײַסע העמדל אויף די קני פֿאַרריסן,
דאָס פּנים — פֿלאַם, מיט בליצן אין די אויגן,
לויפֿט אַ שטורעמדיקער איבער הויז —
געשריען דעם אינדיאַנער קריגס־געשריי
אויף אַלע אויסגעדרוסטע פֿרישע לונגען;
און ווי דער נעגער אין דעם טאַטנס הויף,
געצאַפּלט זיך אין פֿײַערדיקן ברען,
געבראָכן זיך אויף אַלע גלידער
לויפֿט אין ווילדן דזשיג אויף טיש און בענק.

Later, the German ate with the family.
A countryman is a countryman. But the woman
Was very bewildered by him:
A savage, he talks and talks.
He's not human, but mercury.
Better nothing than such a Jew.
A bum, his mouth is on wheels,
And he is shameless before God and man.
She thinks he wouldn't even be afraid
Of eating pork.
On the contrary, he'd say, "it's very good."
He doesn't like the scrap in the yard,
It is not to his taste. He likes, he says, business
Which does not assail the nose so,
And where one can see the cash
Every day. He has
Thought of another sort of business, a fine business.
The matter is simple: the Blacks
Will have to start buying pants,
Because the pants that he once
Received from his rich white master
Are all frayed and falling apart.
Furthermore, the landowners have an abundance
Of old pants, jackets and top hats.
He will buy these at a good price
And sell them at a good price.
"Why not?" He stuck his hands in his pockets
And jingled handfuls of silver.

Later, after the guest took his leave
The house was finally quiet.
In fact, their ears were relieved.
It was as if an annoying, loud drum
Had played for three hours by the clock,
Drumming loudly, madly, stubbornly
And suddenly the drum split.
The Jew was left worn out,
The woman spat three times,
And opened wide the door
As if she wanted to ventilate the house.

## Four

### A. The City

The community started to grow
And step by step turned into a city.
Structures of red brick
Rose on high.
Large gold lettered signs
Glittered on the main street,
And windows of thick polished glass
Sparkled with gold and silver,
Highly polished furniture, porcelain and glass,
Heavy velvet and thin silk.
The wooden courthouse disappeared,
And in its place proudly stood
A large solid three-storied building,
Of heavy gray stone blocks
With dozens of marble steps
Ascending to the height of justice.

On the building proudly fluttered
The stars and stripes.
The broad square around it was covered
With find green grass cut short,
Leggy young hydrangea bushes,
With large white, pink, and blue heads,
Bloomed throughout the summer.

Later the main street was covered
With smooth gray asphalt.
The small frisky ponies
Harnessed to light, small baskets on two wheels
Pranced on short legs,
The dance beat of hooves
Echoed, cheerful and gay.
Silvery, shiny new rails
Stretched in long white stripes,
Joining the settlement to the city;
New red and yellow-colored cars
Squeaked and grated loudly,
Their shining little windows alive
With eager, unfamiliar faces.

דאָס דײַטשל האָט דערנאָך מיט זיי געגעסן;
אַ לאַנדסמאַן איז אַ לאַנדסמאַן. נאָר די ײדענע
האָט זיך אויף אים געחידושט זייער שטאַרק:
אַ פּרא־אדם, נאָר דאָס מױל און מױל.
ס'איז גאָר קיין מענטש ניט; נאָר אַ קוועקזילבער —
און אײדער אַזאַ ייִד איז בעסער גאָרניט.
אַ הפֿקר־יונג, דאָס מײַלכל גייט אויף רעדלעך,
און האָט קיין בושה ניט פֿאַר גאָט און לײַט.
ווי זי פֿאַרשטייט, וואָלט ער זיך ניט דערשראָקן
אַפֿילו פֿאַר דעם גוטן „בשר־קויטש" אַליין —
פֿאַרקערט נאָך, זייער אָנגעלייגט, און ביסטע שיין.
דאָס ברוכוואַרג אויפֿן הויף געפֿעלט אים ניט —
ס'איז ניט זײַן גוסט. ער ליבט, זאָגט ער, געשעפֿט
וואָס זאָל ניט אַזוי צופּן בײַ דער נאָז,
און וואו מען זאָל זיך אָנזען מיטן מינץ
אַ יעדן טאָג פֿון גאָט. ער האָט, זאָגט ער,
פֿאַרטראַכט אַן אַנדער מין געשעפֿט, אַ פֿײַן געשעפֿט.
דער עסק איז פּשוטער: דער נעגער
וועט מוזן אָנהייבן צו קויפֿן הויזן,
ווײַל יענע הויזן וואָס ער האָט אַמאָל
באַקומען פֿון זײַן רײַכן ווײַסן פּריץ
זײַנען שוין צעדריבלט און צעפֿאַלן.
דערצו איז בײַ די פּריצים דאָ אַ שלל
מיט אַלטע הויזן, שטאַנעק און צילינדערס.
וועט ער עס אָפּקויפֿן אין רעכטן מקח
און וועט פֿאַרקויפֿן מיטן רעכטן מקח.
וואָס, ניין? — געשטעקט די הענט אין קעשענעס,
געקלונגען האָרט מיט הויפֿנס זילבערמינץ.

אַז ס'האָט דער אורח שפּעטער זיך צעזעגנט
איז פּלוצים שטיל געוואָרן אינעם הויז —
עס איז אַזש אָפּגעגאַנגען אין די אויערן.
עס איז געווען, ווי אַ ווילדע שטאַרקע פּויק
וואָלט דרײַ שעה אויפֿן זייגער זיך צעקלאַפּט,
געבאַראַבאַנעט הויך און ביז פֿאַרביסן —
און פּלוצים וואָלט דער פּויק אױפֿגעפּלאַצט.
דער ייִד איז אַ פֿאַרמאַטערטער געבליבן,
די ײדענע האָט דרײַ מאָל אויסגעשפּיגן,
און האָט צעעפֿנט ברייט און ווײַט די טיר — — — —
ווי זי וואָלט וועלן לופֿטערן דאָס הויז.

### פֿערטער קאַפּיטל

### א

### די שטאָט

דער ישוב האָט גענומען זיך צעוואַקסן
און טריט בײַ טריט פֿאַרוואַנדלען זיך אין שטאָט;
עס האָבן זיך גענומען הייבן אין דער הייך
די גאָרנדיקע מויערן פֿון רויטן ציגל;
עס האָבן אויף דער הויפּט־גאַס זיך צעגלאַנצט
די בוכשטאַבן פֿון גאָלד אויף גרויסע שילדן,
און פֿון די פֿענצטער פֿון געשליפֿן גראָבן גלאָז
האָט אָנגעהויבן גלימצערן מיט גאָלד און זילבער,
מיט פֿײַן לאַקירטן מעבל, פּאָרצעלײַ און גלאָז,
מיט שווערן סאַמעט און מיט דינעם זייד.
דאָס הילצערן געריכטס־הויז איז פֿאַרשוואונדן,
און אויף זײַן פּלאַץ האָט שטאָלץ זיך אויפֿגעהויבן
מאַסיוו און ברייט, דרײַ־גאָרנדיק אַ בנין
פֿון שווער־געוואַקסטע פּליטן גרויען שטיין
מיט שטיגן צענדליקער געהאַקט פֿון מאַרמאָר
אַרויפֿצושטײַגן אויפֿן באַרג פֿון ריכט;
און אויפֿן בנין האָט שוין שטאָלץ געפֿלאַטערט
די ברייטע פֿאָן פֿון „שטערן און פֿון שטרײַפֿן".
דער ברייטער סקווער אַרום דעם הויז, באַדעקט
מיט פֿײַנעם גרינעם קורץ־געשוירן גראָז,
מיט הויכע בוימלעך פֿרישע שניי־קוגלען
האָט בליען דורכן גאַנצן זומער־לאַנג
מיט ווײַסע, ראָזע, בלויע, גרויסע קעפּ.

דערנאָך האָט זיך די הויפּט־גאַס אײַנגעדעקט
מיט גלאַטן גרויען אויסגעפֿלאַסטערטן אַספֿאַלט.
און אַז די פֿרײלעכע און קליינע פּאָניס
צעלויפֿן זיך אויף אַלע קורצע פֿיסלעך
געשפּאַנט צו לײַכטע קערבלעך אויף צוויי רעדלעך —
האָט נאָר געקלונגען אויפֿגעלייגט און הימלען
דער פֿלינקער טענצלדיקער קלאַפּ פֿון קלאָפּען.
עס האָבן זילבערדיק און וואַרעם זיך געשטרעקט
אין ווײַטע פּאַסן נײַע ווײַסע רעלסן —
דאָס האָט דער ישוב זיך באַהעפֿט מיט שטאָט;
עס האָט גענומען גרילצן הויך און נײַ
מיט פֿרישע רויט־און־געל געפֿאַרבטע קאַרס
מיט לעבעדיקע גלאַנצנדיקע פֿענצטערלעך,
מיט נײַגעריקע אומבאַקאַנטע פּנימער.

On the broad, smooth market place
Arose, massive and heavy,
The proud knightly statue
Of brave Lee: the General sits
Gray, dusty, sedate.
And the horse remains frozen under him
On powerful dancing legs,
Muscles stiff, nostrils flared.
Lee sits and looks down on the market
From the high, gray, stony pedestal.
People and horses are like toys below him.
Multitudes of airy colored spots—
Purple, white, and blue pigeons—
Rise up circling above
The powerful proud horse-and-rider.

Half a city was still immersed
In stretches of sparse green woods.
Old oaks of giant proportion,
Wide and thick, still stood.
Here and there green kitchen gardens
Were neatly laid out in rows.
Fat, curly heads of cabbage,
Screaming red heads of poppies,
Tall, leafy corn,
Long, heavy, greenish-black watermelons.
Sweet peas in yellowed pods
Climbed on the fences.
A block or two from the dressed-up main street
Was a labyrinth
Of narrow, dirty, crowded little streets
With clapboard cottages like lanterns,
Without windows, without chimneys—only doors.
The cats dig up the dirt,
And naked children, black like the earth,
With round faces and red eyes,
Play with all kinds of dogs.
But the nights are festive:
Each house a shining lantern,
Fires lit on the street.
Poverty dresses in purple
And with a faint, seething laughter
Strums, tinkles, and dances.
Something distant and exotic blows in
From the hot swamp of a savage African forest.

Life drew one into the market:
On the old, silent, dreamy walls
Of proud Shelby's and Saint Clare's
And in their quiet stone cellars
Hung, rusted and neglected,
The chains and tongs of torture.
They shake in the air,
In the rude, alien, strong winds.
Old fathers with gray beards
Warmed their old age
Around young well-bred daughters
Who brought with them the scent
Of distant convents and finishing schools,
The fragrance of yellowed pages
And flowers pressed in albums.
The faint old scents,
Mixed with the reviving
New smell of young fresh blood,
And cool-glossy starch
From pressed white linen dresses.
In the dim white parlors they
Swayed over the piano,
Their fingers long, pink, quick;
Immersed themselves in the polished
Essays of Carlyle and Emerson;
Fantasized their tender white maidenhood
In the melodious poetry
Of young Keats and old Browning.
The sons were now strangers to them:
They had taken off their dress coats,
Cut off their curls and sideburns,
Discarded the knotted cravats,
And carried away by new, coarse fashions,
They went off to the raw world of business
Taking with them the coarse smells
Of oxen, oil, and tobacco leaves.

און אויפֿן ברייטן גלאַטן פּלאַץ פֿון מאַרק
האָט שטאָלץ און ריטערלעך זיך אויפֿגעהויבן,
מאַסיוו און שווער געגאָסן, די סטאַטוע
פֿון בראַוון לי; עס זיצט דער גענעראַל
אַ גרויער, אַ פֿאַרשטויבטער, אַ געלאַסענער,
און ס׳איז דאָס פֿערד פֿאַרקילט געבליבן אונטער אים
מיט שטייפֿע מוסקולן, צעיאָגטע נאָזלעכער,
אויף זײַנע מעכטיק־טאַנצנדיקע פֿיס.
ער זיצט און קוקט אַרונטער אויפֿן מאַרק
פֿון הויכן גרויען שטיינערנעם געשטעל —
און מענטש און פֿערד ווי שפּילצייג אונטער אים.
און מחנות לופֿטיקע קאָלירטע פֿלעקן
פֿון פּורפּורנע און ווײַסע, בלויע טויבן
זיי הויבן זיך אַרויף, און קרייזן אום
דעם מעכטיקן און שטאָלצן פֿערד־און־רײַטער.

האַלב־שטאָט איז נאָך דערווײַל געווען פֿאַרטרונקען
אין שטרעקן שיטערלעכן גרינעם וואַלד;
עס האָבן נאָך געלעבט די אַלטע דעמבן
פֿון ריזיקן פֿאַרנעם אין ברייט און גרעב.
און דאָ און דאָרט האָט נאָך געלויכטן גרין
מיט היימישע צעלעגטע שנורן גערטנער,
מיט וויקלדיקע ברייטע הייפּטלעך קרויט,
מיט רויטע שרײַענדיקע קעפּ פֿון מאָן,
מיט הויכע בלעטערדיקע קוקורוזע,
מיט לאַנגע שווערע גרינלעך־שוואַרצע קאַוונעס.
און אויף די פּלויטן האָבן זיך געפּרענזלט
די זיסע אַרבעס אין פֿאַרגעלטע שויטן.
אין סקווער, צי צוויי, פֿון דער באַפּוצטער הויפּט־גאַס
איז מען פֿאַרקראָכן אין אַ לאַבירינט
פֿון ענגע, שמוציקע, געדיכטע געסלעך,
מיט ברעטלדיקע הײַזלעך ווי לאַמטערנס,
אָן פֿענצטער און אָן קוימענס — בלויז מיט טירן.
די קעץ געגראָבן האָבן זיך אין מיסט,
און קינדער נאַקעטע און שוואַרצע ווי די ערד
מיט קײַלעכדיקע קעפּ און רויטע אויגן,
זיי האָבן זיך מיט כּל־המינים הינט געשפּילט.
נאָר אין די נעכט פֿלעגט ווערן יום־טובֿדיק;
ס׳האָט איטלעך הויז געלויכט ווי אַ לאַמטערן,
און פֿײַערן זײַנען געווען צעלייגט אין גאַס.
די אָרימקייט האָט זיך באַקליידט אין פּורפּור
און ס׳האָט געקלימפּערט און געקלינגלט און געטאַנצט,
מיט אַ פֿאַרשמאַכטן ווריקן געלעכטער —
עס האָט געווייט מיט עפּעס ווײַטס און פֿרעמדס,
מיט הייסן זומפּ פֿון אַפֿריקאַנער ווילדוואַלד.

דאָס לעבן האָט געשלעפּט אין מאַרק אַרײַן;
די אַלטע שווײַגנדיקע, חלומדיקע ווענט
פֿון יחוסדיקע שעלבים און סײַנט קלעירס
מיט שווײַגנדיקע קעלערן פֿון שטיין
וואו ס׳האָבן אויף די ווענט געזשאַווערט יתומדיק
די קייטן און די צוואַנגען פֿון טאָרטורן
זיי האָבן זיך גענומען שאָקלען אין דער לופֿט
פֿון גראָבע פֿרעמדע טרייסלדיקע ווינטן.
די אַלטע טאַטעס מיט די גרויע בערד
זיי האָבן נאָך געוואָרעמט זייער עלטער
אַרום די יונגע איידלצאַרטע טעכטער
וואָס האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך דעם דופֿט
פֿון ווײַטע פּאַנסיאָנען און קאָנווענטן,
די ריחות פֿון פֿאַרגעלבטע פֿאָליאַנטן,
און בלומען אײַנגעפּרעסטע אין אַלבאָמען.
און פֿון דעם בלאַסן שטראָם פֿון אַלטע דופֿטן
האָט מונטערדיק און העל זיך דורכגעריסן
דער נײַער דופֿט פֿון יונגן פֿרישן בלוט
מיט ריחות פֿון קיל־גלאַנצנדיקן קראָכמאַל
אויף די געפּרעסטע ווײַסע לײַוונט־קליידער.
זיי פֿלעגן אין די ווײַסע טונקלע זאַלן
פֿאַרחיבן זיך אַריבערן קלאַוויר
מיט לאַנגע ראָזיקע און פֿלינקע פֿינגער;
פֿאַרטיפֿן זיך אין די געשליפֿענע און פֿײַנע
עסייען פֿון קאַרלײַל און עמערסאָן;
פֿאַרחלומען די צאַרטע ווײַסע מיידלשאַפֿט
אין זינגענדיקע קלאָרע טיפֿע פֿערזן
פֿון יונגן צאַרטן קיטס און אַלטן בראַונינג.
די זין זײַנען געווען שוין פֿרעמד פֿון זיי;
זיי האָבן אויסגעטאָן פֿון זיך די פֿראַק־
אַראָפּגעשוירן לאָקן, באַקנבערד,
פֿאַרוואַרפֿן די צעפֿלאָכטענע קראַוואַטן,
פֿאַרטראָגן מיט דעם נײַעם גראָבן שטראָם —
אַוועק צום רויען האַנדל אויף דער וועלט,
און אָנגעבראַכט מיט זיך די גראָבע ריחות
פֿון סטאַדעס אָקסן, אייל, און טאַבאַק־בלעטער.

A grating whistle
Suddenly pierced the new pregnant air:
A noisy new mill
Joyfully blared out its message.
From high, smooth, white walls
Came a constant clatter, day and night,
And sounds of flat, heavy wagons
Loaded high with white heaps
Of rich plump fragrant wheat,
And ripe yellow corn.
They delivered, tested, weighed on the scale.
Horses and donkeys tangled,
And whitened Negroes bent,
Groaning beneath fragrant bags.
Inside the wheels banged,
And on the gray asphalt street
A film spread, white and thin,
Of fresh cool flour like white snow.
Three times during the day: in the early light
Of the morning, fresh with dew,
In the burning heat of the noon hour,
In the soft light of the glowing evening,
The sound of the sharp whistle
Spread over the city streets,
And dissipated on the far hills
Bordered by thick green woods.

## B. Kin

The yard expanded and grew.
Whatever scrap was available,
Whatever old rags and dead horses,
All found their way there.
The old scale groaned,
As people packed, weighed, loaded.
Heavy mules with wool hides
Moved as if lashed together.
The Jew trained new Negroes,
Breaking them into the heavy work.
From early till late wagons groaned and creaked,
Moving scrap in the yard.
The old wreck of a house was dressed
In smooth new fragrant boards.
Every spring, when the shining sun
Dries the damp earth of the yard,
The old door of the house opens
And out spills a spanking new creature
With new and curious eyes
And a loud squealing voice.
It gets in everyone's way,
Creeping, scrambling everywhere
Among the iron and the bones.
First they allow themselves to get stepped on,
And then they start to scream.

Later, kinsmen arrive,
Relatives from home
With shrewd heads and sharp eyes,
Fleshy, twitching noses,
Heavy bodies, good-natured bellies,
And jingling chains on vests.
These people had already traveled a world:
They had dragged themselves across Germany, Holland, Belgium,
Breathed the air of all the harbor cities,
Hamburg, Bremen, Amsterdam and Rotterdam,
Sailed the seas for months on end,
On well-known ships,
And, at the brink of life, faced the angel of death.
When the green turbulent sea
Yawned, opening white mouths,
Churning ship and sail in foam,
Then, along with the mice, they
Crept into a black, stifling hole

And recited aloud the long confession,
Tears in their blue eyes.
All this time, they were careful
Not to eat unkosher food, promised
To become good and pious toward people and God.
But as soon as their feet touched
The safe secure ground,

און פּלוצים האָט אין נייער שווינגערדיקער לופֿט
אַ הילך געטאָן מיט גרילציקן געפּיף;
דאָס האָט די נייע בראָזגעדיקע מיל
פֿון הויכע גלאַטע ווייסע ווענט אַרויס
אַרויסגעשריען פֿריידיק איר געשריי.
אַרום דער מיל האָט טאָג ווי נאַכט געבריזט
געקלאַפּט מיט שווערע פֿלאַכע וועגענער
באַלאָדענע מיט הויכע ווייסע בערג
פֿון רייכן פֿעטן שמעקעדיקן ווייץ,
מיט געלבן אָנגערייטן קוקורוז.

מען האָט געפֿירט, פּרובירט, געוואויגן אויפֿן וואָג,
עס האָבן זיך געפּלאָנטערט פֿערד און אייזל,
און ווייסע נעגערס האָבן זיך געבויגן,
געקרעכצט אונטער די שמעקעדיקע זעק.
די רעדער האָבן אינעווייניק געקלאַפּט,
און אויף דעם גרויען גאַסיקן אַספֿאַלט
האָט זיך געשפּרייט אַ הייטל — ווייס און דין —
פֿון פֿרישן קילן מעל ווי ווייסער שניי.
און דריי מאָל דורכן טאָג: אין פֿרישן ליכט
פֿון נייעם טויאיקן פֿרימאָרגן,
אין הייסן ברען פֿון מיטאָגדיקער שעה,
אין צאַרטן שיין פֿון גליאיקע פֿאַרנאַכטן —
האָט מונטער, רייצנדיק, דער שאַרפֿער פֿייף
געוואָרפֿן זיך אַריבער שטאָט און גאַסן,
און זיך צעשלאָגן אָן די ווייסע בערג
באַזוימט מיט גרינעם און געדיכטן וואַלד.

ב

## משפּחה

דער הויף האָט זיך צעוואַקסן אין דער ברייט —
און וויפֿיל ברזלאיון ס'איז נאָר פֿאַראַן,
און וויפֿיל אַלטע שמאַטעס, טויטע פֿערד,
געהאַלטן האָבן אין איין אָנקומען אַהין.
די אַלטע וואָג האָט קרעכצנדיק געאַרבעט,
מען האָט געפּאַקט, געוואויגן און געלאָדן
און שווערע אייזלען מיט די פֿעל פֿון וואָליק
געגאַנגען זײַנען ווי צופּאַסעוועט אין שטיק,
דער ייד האָט שוין געקנעלט מיט נייע נעגערס,
זיי אײַנגעבראַכן אין דער שווערער אַרבעט,
פֿון פֿרי ביז שפּעט האָט עס געקרעכצט, געבראָזגעט
מיט פֿורן און מיט ברזלאָרג אויפֿן הויף.
די אַלטע חורבה האָט זיך פֿריש באַקלאַפּט
מיט נייע גלאַטע שמעקעדיקע ברעטער;
מיט יעדן פֿרילינג, אַז די זון שײַנט אויף
און טריקנט אויס די פֿײַכטע ערד פֿון הויף
צעעפֿנט זיך די אַלטע טיר פֿון הויז
און שיט אַרויס אַ שפּאָגל־נייעם נפֿש
מיט נייע און משיקאַווע פֿרישע אויגלעך
מיט הילכיק־קוויטשעדיקע נייע קולכלעך,
זיי פּלאָנטערן זיך אום צווישן פֿיס,
און קלימפּערן מיט אײַזנס און מיט ביינער
און קריכן, דראַפּען זיך אויף גלײַכע ווענט;
וואָס לאָזן פֿריער זיך אָפּטרעטן אַ פֿוס,
און נאָכדעם מאַכן זיי די גרויסע קולות.

דערנאָך האָבן גענומען זיך באַווייזן
די קרובֿים און משפּחות פֿון דער היים
מיט אויסגעמאַכטע קעפּ און שאַרפֿע אויגן,
מיט פֿליישיקע און צוקנדיקע נעז,
מיט שווערע גופֿים, גוטמוטיקע בײַכער,
און קלימפּערדיקע קײטלעך אויף די וועסטן.
די מענטשן זײַנען אויסגעווען אַ וועלט;
געשלעפּט זיך איבער דײַטשלאַנד, האָלאַנד, בעלגיען,
געלופֿטערט זיך אין אַלע האַוונשטעט,
אין האַמבורג, ברעמען, אַמסטערדאַם און ראָטערדאַם,
געריטן אויפֿן ים חדשים לאַנג
אויף די באַרימטע גוטע וועגל־שיפֿן
און אָנגעקוקט דעם מלאך המות פֿאַרן לעבן.
און אַז דער גרינער ים פֿלעגט זיך צעשפּילן,
און זיך צעגענעצן מיט ווייסע מײַלער,
און שיף און וועגל אָפּקאָכן מיט שוים —
דאַן פֿלעגן זיי צוזאַמען מיט די מײַז
פֿאַרשטיקן זיך אין שוואַרצן און פֿאַרדעמפּטן לאָך
און אָפּזאָגן דעם לאַנגן ווידוי אויפֿן קול
מיט עכטע טרערן אויף די בלויע אויגן.
זיי האָבן דורך דער צײַט זיך אָפּגעהיט
פֿון עסן טרפֿות, אָנגעמאַכט בײַ זיך
צו ווערן גוט און פֿרום צו גאָט און לײַטן.
נאָר ווי עס האָט נאָר זייער פֿוס דערטאַפּט
דעם זיכערן ניט־וואַקלדיקן באָדן —

They mocked themselves
And joked about the journey.
Afterward, with their packs,
They measured Columbus's country step by step:
New England received them well,
Fed them potatoes and pork,
Let them sleep in the barns and stalls,
And bought toys for the children from them.
In Pennsylvania it was worse:
The fellow German was not at all happy.
As soon as he saw the nose and the pack,
Familiar from the old country,
He set watchdogs on them.
At last, they arrived—but barely—
In the sunny, far South,
At the home of a distant friend.
The smell of the boat followed them,
The smell of stale tar and rotting mice,
Mixed now with the smell of new barns.
But the eyes smiled free,
Bellies shook cheerfully,
And brass watch chains jingled
With every step of thick heavy feet.

They all spoke German now,
And drank beer in a big way,
Smoked thick, smelly cigars,
And delighted in themselves,
In a cheerful and well-disposed way.
Remembering something from the distant *kheder*,
They made the word *mazuma* famous.
After them came fat wives
With goiter-like folded chins
Big breasts and hefty hips,
Like round barrels on fat feet,
Wearing patterned Turkish shawls.

Their fat lips shone,
They chattered and gabbled like geese,
And believed strongly in eating.
They came for a week, or two,
To the Jew in the smelly scrap,
And filled the house with their fat.
No great pleasures for them there:
The Jew's room and board didn't please them.
A dryness reigned in the house.
They jabbered and shouted.
When at last the Germans went away,
The house at once seemed more spacious.

The Germans later dispersed
Over the length and breadth of the South:
One German however settled on the spot
And opened a pork butcher shop.
He stands in a white shiny apron,
White belly smeared with pink blood,
Eyes smiling guiltless and innocent,
He cuts the grainy pink pork
With a shiny, broad sharp knife.
On the main street, another opened
A small business with all kinds of linen
In clean pretty boxes on shelves
On which no speck of dust is allowed.
The storekeeper polished his window,
Painted his floor a bright color
And went around with a clean rag
Dusting shelves and boxes.
Or he stood, smiling in the doorway,
Hair parted and a pencil in his ear,
He greeted the passers by with a good-morning.
A third carried on a business in the hills
Near the cold black coal mines
Where Poles,
Thin Italians, and Slovaks worked.
Delivering all sorts of merchandise on installment
To the distant hick towns,
The Germans spread out.

Meanwhile, as year followed year
And the city grew higher and wider,
The old yard quietly grew.
The little children got taller,
Black heads and blond heads
Among the iron, horse bones, and rags.

באַלד האָבן זיי פֿון זיך אַליין געחוזקט
און אָנגענומען די געשיכטע פֿאַר אַ שפּאַס.
דערנאָכדעם האָבן זיי געמאָסטן שפּאַן ביי שפּאַן
קאָלאָמבוסעס מדינה מיט די פּעק;
ניי־ענגלאַנד האָט זיי אויפֿגענומען פֿיין,
געקאָרמעט זיי מיט בולבעס און מיט חזיר,
געלאָזט זיי שלאָפֿן אין די שייערן און שטאַלן,
געקויפֿט ביי זיי אַ שפּילצייג פֿאַר די קינדער.
אין פּענסילווייניע איז געווען ערגער;
דער ברודער־דייטש האָט געגרינט זיך דערפֿרייט,
ווי נאָר ער פֿלעגט דערזען די נאָז און פּאַק —
באַקאַנטע נאָך פֿון אַלטער ווייטער היים —
האָט ער געלאָזט אויף זיי די גוטע הינט.
און אַז זיי האָבן זיך צום סוף דערשלעפּט
צום זוניקן און ווייטן דרום־לאַנד,
דערוועגלט זיך צום ווייטן גוטן ברודער —
האָט נאָך די ועגלשיף געשמעקט פֿון זיי
מיט טוכלע סמאָלע און פֿאַרדומפּטע מייז
מיט אַ געמישעכץ פֿון די נייע שטאַלן —
דערפֿאַר האָבן די אויגן פֿריי געשמייכלט,
און בייכער גוטמוטיק געשאָקלט זיך,
און ס'האָט דאָס מעש פֿון קייטלעך צוגעקלונגען
מיט יעדן טראָט פֿון שווערע גראָבע פֿיס.

די אַלע האָבן שוין גערעדט אויף דייטש,
און ביר געטרונקען אויפֿן גרויסן שטייגער,
גערויכערט גראָבע שטינקענדע ציגאַרן,
און אָנגעקוואָלן שטאַרק פֿון זיך אַליין
אויף אַ געלאַסענעם און גוטמוטיקן אופֿן.
געדיינקט נאָך עפּעס פֿונעם ווייטן חדר,
באַרימט געמאַכט דאָס וואָרט „מאַזומאַ“ ביי די פֿעלקער.
נאָך זיי זיינען געקומען שווערע ווייבער
מיט גאָידערדיקע און געפֿאַלדעוועטע מאָרדעס
מיט שווערע אָפּגעשטאָפּטע היפֿט און ברוסטן,
ווי פֿעסער קיילעכדיק אויף גראָבע פֿיס,
מיט טיכער טערקישע און ברייטע גראָטעס.
די האָבן פֿעט געבלינצלט מיט די ליפּן,
געגאָידערט און געפּלוידערט ווי די געגנדז,
און זייער שטאַרק געהאַלטן פֿון אכילה.
זיי פֿלעגן קומען אויף אַ וואָך, צי צוויי,
ביים ייִדן אויפֿן שמעקנדיקן ברוכוואַרג
און פֿול געמאַכט דאָס הויז מיט זייער גרעב.
גרויס נחת האָבן זיי דאָרט ניט געפֿונען;
דעם אידנס קעסט האָט זיי ניט אָנגעשמעקט —
עס האָט געהערשט אַ טריקעניש אין הויז.
פֿלעגט מען זיך דורכבאַרגלען געהעריק, דורכשרייען —
און אַז די דייטשן פֿלעגן זיך צעפֿאָרן —
פֿלעגט ווערן פֿריילעכער, גערוימער אינעם הויז.

די דייטשן האָבן זיך דערנאָך צעשפּרייט
אין לענג און ברייט פֿון גרויסן דרום־לאַנד;
איין דייטש האָט טאַקע אויפֿן פּלאַץ געשטעלט זיך
און אויפֿגעמאַכט אַ יאַטקע פֿון חזירים.
ער שטייט אין ווייסן שימערדיקן שירץ,
דער ווייסער בויך פֿאַרשמירט אין ראָזן בלוט,
די אויגן שמייכלען אומשולדיק און ריין,
און שניידט דעם קערנדיקן ראָזן חזיר
מיט בלישטשענדיקן ברייטן שאַרפֿן מעסער.
אַ צווייטער האָט אין הויפּט־גאַס אויפֿגעעפֿנט
אַ קליין געשעפֿט פֿון כל המינים ווייסצייג,
מיט ריינע שיינע קעסטעלעך אין רייען,
אויף וועלכע ס'טאָר קיין שטויבעלע ניט פֿאַלן.
דער קרעמל האָט זיך אויסגעפּוצט די פֿענצטער,
זיך אויסגעפֿאַרבן שפּילנדיק די דילן,
און ער גייט אום דאָרט מיטן קלאָרן טיכל,
אוןווישט דעם שטויב פֿון פּאָליצעס און קעסטלעך,
צי שטייט אַ שמייכלעדיקער אין דער טיר
דאָס האָר אין שרונט מיט בלייפֿעדער אין אויער,
און גיט אַ דעם פֿאַרבייגייער גוט־מאָרגן.
אַ דריטער פֿירט געשעפֿטן אין די בערג
אַרום די שוואַרצע קאַלטע קוילן־גריבער
וואו ס'האָבן זיך געגראָבן פּוילן
און דינע איטאַליענער און סלאָוואַקער —
געטומען צושטעלן אין ווייטן העק
פֿון כל־המינים סחורה אויסצוצאָלן.
אַזוי האָבן די דייטשן זיך פֿאַרשפּרייט.

דערווייל איז זיך געלאָפֿן יאָר נאָך יאָר;
די שטאָט האָט זיך געהויבן און געשפּרייט.
דער אַלטער הויף איז שטילערהייט געוואַקסן,
די פּיצלעך קינדער האָבן זיך געהויבן
מיט שוואַרצע קעפּלעך און מיט בלאָנדע קעפּלעך
צווישן אייזנס, פֿערדגעביין און קאָנדער;

They went to school
And brought home a new language
With new songs and new melodies.
The quiet woman wore out
Her strength doing the work.
The Jew, like the mule, worked hard,
Not knowing day or night.
The Sabbath was too short to sleep.
The old Holy books became, through time,
Old fashioned and covered with mold.
And *Reb Bakhaye* in the yellow binding,
Lonely and ashamed, nestled
Against the old forgotten set of *Mishna*.

## C. Litvaks*

The last to show up were
The lively, dynamic Litvaks,
Underfed, undernourished, faces green,
Bellies sunken like greyhounds,
Eyes sad and hungry.
They spoke only with hands and eyes.
With them they brought small sewing machines,
Milliners' frames and blocks,
Shoemakers' round, hollowed benches.
Awls and hammers.
This society of craftsmen from the old country,
Settled near the canals,
On Vine Street, Water Street, Clay Street—
The streets which cut across
The gleaming train tracks,
And where convivial blacks congregate
For a glass of beer and whiskey.
The Litvaks settled in shacks
With small, dusty, broken windows.
The tailor hung out
A pair of patched, pressed pants
Which puffed up in the wind
And slapped passersby in the face.
The shoemaker threw into the window
A heap of twisted, crooked shoes,
Moved his bench to the window,
His shoulders higher than his head,
And with much diligence and zeal,
Banged nails into old boots.
The hatmaker put into his window
The round block—on whose top,
Pressed and festive, rested
An old hat, spanking new.
They settled in the holes. That was that.
Eating in the thick dust,
Drinking in the thick dust,
Sleeping in the thick dust,
They collected their pennies and saved
For ship tickets to send for wives and children.

Down from the old country poured
Green, thin, undernourished wives,
Thick blue veins on their coarse hands,
Eyes glittering like wolverines,
And with them, little children like green peas,
One smaller than the other,
Their ears and noses running—a proper entourage.
They arrived at the husband's business
With large packs of old bedding,
Two brass candlesticks, pudding-pans,
Bulging yellow samovars.
They unpacked the big, heavy bags,
Set up two or three small old beds,
Closed off the back of the shop
With red and green partitions—
And enough. They were finished with setting up house.
Mornings, when the children awoke,
The shouting started,
And the pinching, hair pulling,
Punching and scratching.
The mother jumps into the midst of the living heap
Of wounded bleeding devils.
Her small blue mouth becomes unhinged.
She thunders curses,
And before she knows it—aha—the husband.
Now she takes him to task
Together with Columbus,
And puts them both through the wringer.
The merchant of old pants stands,
Scratches the nape of his neck and gapes:
A sharp tongue, she forgets nothing.

*Jews from Lithuania are called Litvaks. Non-Jews are Lithuanians.

דערנאך איז מען געגאנגען אין די שולן
און אנגעבראכט אין הויז דעם נייעם לשון
מיט נייע לידער און מיט ניי־געזאנג.
די שטילע יידענע האט זיך אויסגעשלאגן
פון אירע כוחות, טוענדיק איר ארבעט.
דער ייד האט ווי דער אייזל שווער געהארעוועט
ניט וויסנדיק פון טאג און ניט פון נאכט, —
דער שבת איז געווען צו קורץ צום שלאפן.
די אלטע ספרים האבן דורך דער צייט
פארעלטערט זיך, און זיך באדעקט מיט שימל,
און רב בחיי אין דעם געלן איינבאנד
האט עלנט און פארשעמט געטוליעט זיך
צום אלטן גאנג פארגעסענע משניותן.

ג

## ליטוואקעס

צום סוף האבן געקומען זיך באווייזן
די לעבעדיקע רירעוודיקע ליטוואקעס
וואס האבן בלויז גערעדט מיט הענט און אויגן.
פארמארעט, אויסגעצערט, מיט גרינע פנימער,
מיט בייכער איינגעפאלענע, ווי כארטן;
מיט אומעטיקע הונגעריקע אויגן.
די האבן שוין געבראכט די ניי־מאשינדלעך,
די רעמלעך און דעם בלאק פון היטלמאכער,
די קיילעכדיקע אויסגעהוילטע ביינקלעך
מיט נאלן און מיט העמערלעך פון שוסטער —
די חברה בעל־מלאכות פון דער היים.
זיי האבן זיך באזעצט ביי די קאנאלן,
אויף ווייַן־גאס, און אויף וואסער־גאס, און ליים־גאס,
די גאסן וואו עס שניידן זיך אדורך
די בלאנקע רעלסן פון דער אייזנבאן,
און וואו עס קומען זיך אהין פארברייַנגען
ביים גלעזל ביר און שנאפס די וואוילע שווארצע.
מען האט זיך אויסגעזעצט אין אלטע חורבות
מיט קליינע שטויביקע צעזעצטע פענצטער;
דער שניידער האט ארויסגעהאנגען דרויסן
א פאר פארלאטעטע געפרעסטע הויזן
וואס האבן אין א ווינט געבלאזן זיך
און אנגעפאטשט פארבייגייער אין פנים;
דער שוסטער האט צעווארפן אין זיין פענצטער
א בארג מיט אויסגעדרייטע קרומע שיך,
האט צוגערוקט דאס בענקעלע צום פענצטער
די פלייצעס אויפגעהויבן העכער פונם קאפ,
מיט גרויס התמדה און מיט ברען גענומען
צו שלאגן נעגל אין די אלטע שטיוול;
דער היטלמאכער האט ארייַנגעשטעלט אין שויב
דער קיילעכדיקן בלאק — וואו אויבן שפיץ
האט אויסגעפרעסט און יום־טובדיק גערוט
אן אלטער קאפעליוש — א שפאגל־נייער — .
מען האט זיך אין די לעכער אויסגעזעצט — און שוין.
מען האט געגעסן אין געדיכטן שטויב,
מען האט געטרונקען אין געדיכטן שטויב,
מען האט געקליבן סענט צו סענט — און אנגעשפארט
אויף שיפסקארטן אהיים פאר ווייב און קינדער.

עס האבן זיך אראפגעשאטן פון דער היים
די גרינע, דינע אויסגעצערטע ווייבער
מיט ברייטע הענט מיט בלויע שווערע אדערן,
מיט שימערדיקע אויגן ווי ביי וועלפיכעס,
מיט קינדערלעך ווי גרינע ארבעסלעך,
מיט רינענדיקע איערלעך און נעזלעך,
איינס קלענער פון דאס אנדערע — און גאר.
מען איז פארפארן אין דעם מאנס געשעפט
מיט גרויסע פעק פון אלטן בעטגעוואנט,
מיט מעשענע צווי לייכטער, קוגל־טעפ,
מיט בייכיקע און געלע סאמאווארן.
מען האט צעפאקט די גרויסע שווערע פעק,
אוועקגעשטעלט א צוויי־דריי אלטע בעטלעך,
פארצאמט דעם הינטערשטן חלק פון געשעפט
מיט רויטע און מיט גרינע פארהאנגען —
און פארטיק מיט דער בעל־הבית־ישקייט.
און מארגנס, אז די קינדער האבן זיך צערירט —
האט זיך עס אנגעהויבן דאס געשריי
מיט שארפע קניפן, רייסעניש פון האר,
מיט פייקלדיקע בוכנצעס און דראפן.
די מאמע פאלט אריין אין לעבעדיקן קנויל
פון די צעקרעלטע און צעלאפענע ממזרים.
דאס בלויע מיילכל גייט געשמירט אויף שרייפלעך,
און שיט מיט פעך און שוועבלדיקע קללות —
און איידער וואס און ווען — אהא, דער מאן —
די האט אים שוין גענומען אויפן צימבל
אין איין חברותא מיט קאלאמבוסן.
און מאכט פון ביידן גאר אויף אויסצודרייען.
עס שטייט דער סוחר פון די אלטע הויזן
און קראצט זיך אין פאטילניצע און גאפט;
א שארפע צונג, האט גארנישט ניט פארגעסן.

# Five

## A. Joshua

When Josh bought old Tompkins' place,
He felt, suddenly, as if he had
Taken root deep in the earth.
All at once, his eye grew more confident,
Cheerful, sure and contented.
His firm step in the big old yard
Sounded with assurance and strength;
His face was lively, chipper,
And in the creases of his nose and lips
A playful smile lurked.

For him, a chain
Of peaceful and industrious years began.
Steeped heart and soul in his business,
He did not notice how, through time,
He became rooted in the soil,
How everything became his own.
His English tongue acquired
Every nuance and expression of the neighbors;
He had a joke for everyone,
A friendly word, a short, clever parable,
Taken from the wisdom of the *Midrash*,
Which his friendly neighbors enjoyed.
If they had to build a hospital,
Or put up a new church, they
Came to Josh for a donation.
They listened to him.
And, in perplexity, they came
To old Josh asking for advice.
If the neighbors quarreled,
Josh often helped them compromise
And make peace.
Like new best friends, they then
Wet the peace with a drink,
And were surprised at themselves:
Why in the world did they need to argue?
The matter was so clear and simple,
A child in the cradle could have understood it.
And when the cup ran over,
They cried and kissed each other enthusiastically.
"Ah, Josh, he wears a head on his shoulders."

But later, when Josh carted
Wagons of red bricks to his place,
And set out to build a warehouse for himself,
They stopped
Slapping him on the back.
A thick foundation was laid
With large blocks of heavy gray stone.
After that, walls were erected
Line after line,
With even white rows of tall windows.
When the shiny red roof of heavy tin
Was finished at last,
It comfortably protected
The new, large, roomy building,
Four stories high, of generous length and breadth,
With heavy iron doors
On both sides of the length of the building,
And large lifts to carry up the merchandise,
Bright spacious cellars built
Of iron and concrete to store skins,
With presses and packing machines.
In a large bright office
A quiet kinsman already sat,
And wrote in thick books.
When this structure representing Josh's life was finished,
His head was already streaked
With iron-gray hair, and his face,
Was baked to a light brick-red.
Deep creases around a strong mouth
Smiled with hidden security.



א

## דזשאָשוע

אַז דזשאָש האָט אָפּגעקױפֿט דעם אַלטן טאָמפּקינס פּלאַץ —
האָט ער דערשפּירט זיך פּלוצים, װי ער װאָלט
געלאָזן טיפֿע װאָרצלען אין דער ערד.
זײַן בליק איז מיט אַמאָל געװאָרן זיכער,
געװאָרן גוטמוטיק און קלאָר און שמײכלענדיק;
זײַן פֿעסטער טראָט אין אַלטן ברײטן הױף
האָט אױסגעקלונגען זיכערקײט און מוט;
דאָס פּנים איז געװאָרן מונטער, אױפֿגעלײגט,
און אין די קנײטשן פֿון דער נאָז און ליפּן
האָט אָנגעהױבן שפּילן לײכט אַ שמײכל.

עס האָט פֿאַר אים זיך אָנגעהױבן ציען
אַ קײט פֿון רױקע און אַרבעטזאַמע יאָרן.
מיט לײַב און זעל פֿאַרטיפֿט אין זײַן געשעפֿט
האָט ער אַלײן גאָר נישט באַמערקט, װי דורך דער צײַט
איז ער געװאָרן אײַנגעװאָקסן אין דער ערד,
װי אַלץ איז אים געװאָרן נאָענט און אײגן.
זײַן ענגליש צונג איז אים געװאָרן פֿרײַ
מיט איטלעך בױג און אױסדרוק פֿון די שכנים;
ער האָט געהאַט אַ װיץ פֿאַר יעדן אײנעם,
אַ פֿרײַנטלעך װאָרט, אַ קלוגן קורצן משל,
גענומען פֿון אַ שכלדיקן מדרש,
פֿון װאָס די בראַװע שכנים פֿלעגן אָנקװעלן.
האָט מען באַדאַרפֿט צו בױען אַ שפּיטאָל,
צי אױפֿשטעלן אַ נײַע קירך, איז מען
געקומען צו דעם דזשאָש נאָך אַ נדבֿה.
מען האָט זיך אָנגעהױבן צוהערן צו אים.
אין אַ פֿאַרלעגנהײט, װעט מען שױן קומען
צום אַלטן דזשאָש צו האָלטן זיך אַן עצה.
און פֿלעגן שכנים קומען צון אַ סכסוך,
פֿלעגט אָפֿטמאָל דזשאָש די צדדים אױסגלײַכן
און ברענגען זײ צו שלום דורך אַ פּשרה.
און נאָכדעם װי די נײַע בעסטע פֿרײַנט
זײ האָבן שױן באַנעצט דעם שלום מיט אַ טרונק,
דאַ פֿלעגן זײ אױף זיך אַלײן זיך חידושן:
למאי מען האָט זיך גאָר באַדאַרפֿט צו קריגן?
דער עסק איז דאָך אַזױ קלאָר און פּשוט,
אַ קינד אין װיג קען דאָך אַזױנס באַנעמען.
און אַז די מאָס פֿלעגט װערן איבערפֿול,
פֿלעגט מען שױן קושן זיך דורך הײסע טרערן,
און האַלטן אין אײן טענהן מיט התפּעלות:
אײ דזשאָש, ער טראָגט אַ קאָפּ אױף זײַנע פּלײצעס!

נאָר שפּעטער, אַז ס׳האָט דזשאָש גענומען פֿירן
די פֿורן רױטע ציגל אױף זײַן פּלאַץ,
און זיך געשטעלט צו מױערן זײַן בנין —
דאַ האָט מען שױן אין גאַנצן אױפֿגעהערט
דעם אַלטן דזשאָש צו קלאַפּן אױף דער פּלײצע.
עס האָט זיך אױסגעלײגט אַ דיקער פֿונדאַמענט
פֿון גרױסע סקװערן שװערן גרױען שטײן,
און נאָכדעם האָבן זיך צעװאַקסן װענט
פֿון נײַעם רױטן ציגל, שנור און שנור,
מיט גראַדע װײַסע רײען הױכע פֿענצטער.
און אַז דער רױטער דאַך פֿון שװערן בלעך
האָט זיך צולעצט צעלײגט און זיך צעגלאַנצט —
האָט ער הרחבֿהדיק מיט זיך באַשיצט
אַ נײַעם גרױסן און גערױמען בנין,
פֿיר גאָרן הױך, פֿון אומגעהױערער ברײט און לענג,
מיט ברײטע שװערע טױערן פֿון אײַזן
אױף בײדע זײַטן פֿון דער לענג פֿון בנין,
מיט גרױסע ליפֿטס אױפֿצוציען סחורה,
מיט ליכטיקע גערױמע קעלערן — געבױט
פֿון אײַזן און קאָנקריט צו האַלטן פֿעל,
מיט פּרעסן און מאַשינען אױף צום פּאַקן,
און מיט אַ גרױסער ליכטיקער קאָנטאָר
װוּ ס׳איז אַ שטילער קרובֿ שױן געזעסן,
און זיך געגריבלט אין די דיקע ביכער.

אַז דזשאָש האָט אױפֿגעבױט זײַן לעבנס בנין —
איז שױן זײַן קאָפּ געװען דורכגעשטרײַפֿט
מיט אײַזן־גרױע פּאַסן האָר; זײַן פּנים
פֿאַרבאַקן אין אַ העלער ציגל־רױטקײט,
מיט טיפֿע קנײטשן אַרום שטאַרקן מױל —
האָט מיט באַהאַלטן זיכערקײט געשמײכלט.

And then, venomous and bitter,
She looked reproachfully at the yard
Where the four-storied building was rising,
Red, solid, and loud.
Although Josh, the head, leader, provider,
Seemed far removed,
Steeped heart and soul in business,
His sharp eye took in everything.
His intuition perceived
The needs and wishes of everyone.
From time to time, he said something
To one of his sons or daughters,
Which made them blush.
How does a father know that
Which has not been spoken.

He went around quietly now,
Disappearing from the yard for hours on end.
When he came back home at night,
A smile, which barely hid in his whiskers,
Played around his lips.
His gray youthful eyes
Followed the smoke
From his thick black, fragrant cigar
As it spread above young heads
Of daughters bent over sewing
And sons engrossed in books.
But cheerfully and significantly, he kept quiet.
He had secretly bought a home,
And was busy every day with the renovation:
Workers whitewashed, painted, papered;
The house smelled of new paint and paste,
And pine boards, fresh and smooth from the plane;
The hammer and saw banged
And the plane hummed.
From the windows of the remodeled house
Stretched fresh green fields,
Wide lawns and distant woods.
And on the fresh pine floor
Covered with warm sunlight,
Leaf shadows, jagged and pointed,
From thick heavy oaks
Danced in the gold and green.
It was hard for Josh to tear himself away
From the big secret which filled him
Like sweet intoxicating wine.
Often, looking at the wide field,
There came to his mind:
"Then God increased us,
And we spread out in the land."

## B. Home

When Josh led the family into
Their new spacious house,
They opened their eyes wide.
The new furniture sparkled:
Soft deep chairs of thick plush,
Shiny mahogony tables,
Tall, heavy, silvery mirrors,
An upright piano for the daughters,
And floors covered with soft carpets.
A dressed-up black woman was
Already at work in the kitchen,
Feeling at home and beaming with joy,
Her face shining,
Her eyes large and radiant,
Her teeth white and shimmering.
She was smiling from ear to ear.

The children stormed through the house,
Eyes flashing, faces flushed,
Up the smooth steps
Into the fresh sunny upstairs rooms,
With new iron beds painted white,
And small rocking chairs.
The house rang and sang
From top to bottom with young footsteps.
Cheerful sounds of young voices

און דאַן פֿלעגט זי אַ גיפֿטיגע, פֿאַרביסענע,
מיט גרינע אויגן קוקן צום הויף
וואו ס'האָט זיך רויט און פֿעסט און שרייענדיק
געהויבן דער פֿירגאָרנדיקער בנין.
און דזשאָש, דער קאָפּ, דער פֿירער און פֿאַרזאָרגער
ער איז, דאַכט זיך, געווען ווייט פֿון אַלעס.
האָט מיט זיין שאַרפֿן אויג באַנומען אַלץ —
פֿאַרטאָן מיט לייב און זעל אין די געשעפֿטן.
דאָך האָט ער מיט זיין חוש דערטאַפּט און דורכגעפֿילט
די נויט און דעם פֿאַרלאַנג פֿון יעדן איינעם.
פֿלעגט צייטנווייז אַרויסוואַרפֿן אַ וואָרט
צו איינעם פֿון די זין צי פֿון די טעכטער,
פֿון וואָס זיי פֿלעגן ווערן רויט־פֿאַרשטוינט:
פֿון וואַנען ווייס דער פֿאָטער גאָר אַזוינס
וואָס מען האָט קיינמאָל אויף די ליפּן נישט געבראַכט?

די לעצטע צייט פֿלעגט ער אַרומגיין שטיל,
פֿאַרשווינדן פֿונעם הויף אויף שטונדן לאַנג
און אַז ער קומט צוריק אַהיים ביינאַכט
פֿלעגט שפּילן אויפֿן מויל ביי אים אַ שמייכל,
וואָס טוט זיך קיים פֿאַרבאַרגן אין די וואָנסן
און אין די גרויע יוגנטלעכע אויגן;
פֿלעגט נאָכקוקן דעם זילבער־גרויען רויך
פֿון דיקן שוואַרצן שמעקנדן ציגאַר
וואָס טוט זיך שפּרייטן איבער יונגע קעפּ
פֿון טעכטער איינגעבויגענע אויף דאָס גענײ,
און זין פֿאַרטונקענע אַריבער ביכלעך —
און שווייגן פֿלעגט ער היימלעך און פּילנאַגנדיק.
דאָס האָט ער שטילערהייט געקויפֿט אַ הויז,
געווען פֿאַרנומען יעדן טאָג מיטן רעמאָנט:
מען האָט געקאַלכט, געפֿאַרבט, געקלעפּט פּאַפּיר
און ס'האָט געשמעקט מיט פֿרישן פֿאַרב און פּאַפּ,
און סאָסנע־ברעטער פֿריש און גלאַט פֿון הובל;
עס האָט געקלאַפּט דער האַמער און די זעג,
און ס'האָט דער הובל פֿריש און ניי געזונגען.
און דורך די פֿענצטער פֿון באַנייטן הויז
האָט זיך געשטרעקט די גרינע פֿרישע פֿלאַך
פֿון ברייטע לאָנקעס און פֿון ווייטן וואַלד;
און אויפֿן סאָסניקן און פֿרישן דיל
באַגאָסן מיט אַ זוניק־וואַרעם ליכט
אין גאָלד און גרין האָבן זיך אומגעוויגט
געצאַקטע און געשפּיצטע בלעטער־שאָטנס
פֿון שווערע גראָבע און אַלט־נייע דעמבן.
און דזשאָשן פֿלעגט זיין שווער זיך אָפּרייסן
פֿון גרויסן סוד וואָס האָט אים אָנגעפֿילט
ווי מיט באַרוישנדיקן זיסן ווייַן
און אָפֿט באַקוקנדיק די ברייטע פֿלאַך
פֿלעגט אויפֿן זינען אים אַרויסשווימען:
„דען גאָט האָט אונדז אויסגעברייט,
און מירן זיך צעשפּרייטן אינם לאַנד".

## ב
## הײם

אַז דזשאָש האָט ס'הויזגעזינט אַריינגעפֿירט
אין נייעם ברייטן און גערוימען הויז —
דאָ האָבן זיי צעעפֿנט ברייט די אויגן;
עס האָט אַ בלאַנק געטאָן דאָס פֿרישע מעבל
מיט ווייכע טיפֿע שטולן שווערן פּליוש,
מיט גלאַנצנדיקע טישן פֿון מאַהאָגאַני,
מיט זילבערדיקע הויכע שווערע שפּיגלען,
און מיט אַ הויכער פּיאַנאָ פֿאַר די טעכטער,
די דילן אויסגעבעט מיט ווייכע טעפּיכער —
און אין דער קיך האָט שוין אַרומגעפּאַדיעט
אַן אויפֿגעפּוצטע גלאַנצנדיקע נעגערטע,
געפֿילט זיך היימיש און געשטראַלט פֿאַר שמחה,
דאָס גלאַנציק פּנים ווייט ביז צו די אויערן
פֿאַרדיסן אין אַ ברייטן טרייען שמייכל,
מיט שטראַלנדיקע גרויסע אויגן־ווייסלען
און שימערדיקע רייען ווייסע ציין.

די קינדער האָבן דורכגעשטורעמט ס'הויז
מיט בליצן אין די אויגן, פֿלאַם אין פּנים;
אַרויפֿגעשטורעמט אויף די גלאַטע טרעפּ
אין זוניקע און פֿרישע איבער־שטובן,
מיט פֿרישע אייזן־בעטן ווייס געפֿאַרבן
מיט נידעריקע לייכטע וויג־שטולן.
עס האָט געקלונגען און געזונגען אינם הויז
פֿון אויבן ביז אַראָפּ מיט יונגע טריט,
און ס'האָט געענטפֿערט פֿונעם ווייטן באַלקן
דאָס הילכיקע געקלאַנג פֿון יונגע שטימען.

By the red, work-worn calloused hand,
And said to her: "Mother, from today on
You won't do a thing,
You have a maid, you can tell her what to do."
Now, not allowed to work,
She doesn't know what to do with her hands.
They are superfluous and strange.
She can't find the words
To ask the black maid to do something.
She wonders at her young daughters
Who order the shining black woman
Around so easily and freely,
And at the maid who is happy to carry out their commands.
It seems as if the black monkey
Makes fun of her, and laughs behind her back,
And laughing, bares her teeth.
The poor thing, it was hard for her
To sit idle after a lifetime of work.
On a free day, at lunch time,
When the household was sitting around the table
And someone needed something while eating,
She hastily jumped up from her place
And made a movement as if to run.
Sometimes she caught herself in time,
Blushing and standing ashamed.
Often, her husband stopped her
With his steady hand:
"Wait, mother, the maid will bring it."

She sat through the long days,
The summer on the sunny veranda,
The winter by the burning fireplace,
Fretfully counting the stitches she knitted.
The ball of wool danced in her lap,
From right to left, and back again.
She shook "no" with her gray head.
She had enough to think about:
Her husband was somehow not the same,
Preoccupied day and night with the business.
Their sons, born here in this country,
Were strange to her, she cannot understand them.
Still worse, their young daughters,
Cold, proud, and conceited,
Were stranger yet than strange. Busy with themselves,
They were far from everything concerning *Yiddishkayt*.
What good can come of this?
The house if always full of young lords.
To the daughters, the old *Goy*, the pastor,
Is more important than their mother.
And wherever there is a *Goyish* celebration,
They are the first to arrive.
A tea-party in the church: they are getting ready,
They busy themselves baking cakes,
Preparing as if for a wedding.
And what will be the end of it. Do they ask for her opinion?
At this rate, the girls will become Christians.
And he, her husband, nothing bothers him,
It is not his concern. When she complains,
He shrugs it off with a smile:
"Well, what are you talking about: they are young children,
Later, they'll come to their senses."
While she is thinking, and knitting,
The socks and sweaters of thick,
Heavy, colored wool multiply—
Piling up in the chest, piece by piece.
It does not befit the ladies to wear
Their mother's warm and heavy socks.

But sometimes one of the children
Stopped beside her, paused awhile,
Kissed her old, gray head,
Talked with the sureness and tone
That an older person uses to a child.
He would pat her work-worn hands
Until her heart settled down.
That one was Jake.

ביי רויטער, אויסגעאַרבעטער און האַרטער האַנט,
און האָט געזאָגט איר: „מוטער פֿון היינט אָן
„וועלסט קיין האַנט אַרײַנטאָן אין קאַלט וואַסער,
„דו האָסט אַ דינסט, און מעגסט זיך מיט איר שאַפֿן".
נאָר איצט ווען מען האָט ניט געלאָזט זי אַרבעטן
פֿלעגט זי נישט וויסן וואָס צו טאָן מיט אירע הענט.
זיי זײַנען איר געווען ווי איבעריק און פֿרעמד,
און בעטן עפּעס ביי דער שוואַרצער דינסט
האָט זיך די צונג אין מויל ווי ניט געקערט.
זי פֿלעגט באַוואונדערן די יונגע טעכטער
וואָס שאַפֿן זיך אַזוי הרחבהדיק און פֿריי,
און וואָס די שוואַרצע גלימצערדיקע דינסט
איז גליקלעך אויסצופֿאָלגן זייער וואָרט,
בעת איר דאַכט זיך, אַז די שוואַרצע מאַלפּע
מאַכט חוזק, און לאַכט אָפּ הינטער איר רוקן,
און שטשירעט מיטן מויל ביז צו די אויערן.
די אָרעמע, ס'איז שווער געווען פֿאַר איר
צו זיצן ליידיק נאָך אַ לעבן אַרבעט.
און אין אַ פֿרייען טאָג ביים מיטאָג־עסן,
ווען ס'זיצט דאָס הויזגעזינט אַרום דעם טיש
און עמעצן פֿעלט עפּעס אויס ביים עסן —
פֿלעגט זי זיך האַסטיק אויפֿכאַפּן פֿון פּלאַץ
און מאַכן אַ באַוועגונג ווי צום לויפֿן —.
אַמאָל פֿלעגט זי אַליין אין צייט זיך כאַפּן,
פֿלעגט ווערן רויט און בלײַבן אַ פֿאַרשעמטע,
און אָפֿטמאָל פֿלעגט דער מאַן זי אָפּשטעלן
מיט זײַנס אַ זיכערער און ברייטער האַנט:
וואַרט, מוטער, ס'וועט די דינסט דערלאַנגען.

פֿלעגט זי אַדורכזיצן די לאַנגע טעג,
דורך זומער אויף דער זוניקער וועראַנדע,
דורך ווינטער ביי דעם ברענענדיקן קאַמין,
און צעלנדיק פֿאַרזאָרגט די אויגן, שטריקן,
און ס'האָט דאָס קנײַלכל וואָל געטאַנצט אין שויס,
פֿון רעכטס אויף לינקס, און ווידער אויף צוריק.
געשאָקלט מיטן גרויען קאָפּ אויף ניין.
זי האָט געהאַט אויף וואָס זיך צו פֿאַרטראַכטן:
אַז ער, דער מאַן, איז עפּעס נישט דער אייגענער,
פֿאַרהאָרעוועט טאָג ווי נאַכט אין די געשעפֿטן.
און אַז די זין, געבוירן דאָ אין לאַנד,
זיי זײַנען פֿרעמד צו איר און אומפֿאַרשטענדלעך.
נאָך ערגער שטייט עס מיט די יונגע טעכטער:
די זײַנען קאַלט און שטאָלץ און גאווהדיק
און פֿרעמדער נאָך ווי פֿרעמד. פֿאַרטאָן מיט זיך,
און ווייט פֿון אַלץ וואָס שמעקט מיט ידישקייט.
און וואָס פֿאַר גוטס קען שוין אַרויסקומען:
אַז ס'הויז איז תמיד פֿול מיט יונגע פּריצים,
אַז ס'איז ביי זיי דער אַלטער גוי, דער פּאַסטאָר,
אַ גרעסערער מיוחס ווי די מאַמע.
אַז וואו אַ שמחה ערגעץ ביי די גויים,
איז זײַנען זיי די ערשטע מחותנים.
אַ טיי־פּאַרטי אין קירך: איז גרייט מען זיך.
איז באַקט מען טאָרטן און מען עסקט זיך,
מען גרייט זיך ווי להבדיל צו אַ חתונה —
און שוין. מען פֿרעגט דען איר אַ דעה?
די מיידלעך וועלן נאָך אַרײַנוואַקסן אין שמד.
און ער, דער מאַן, עס וואָל אים עפּעס אַרן,
ס'איז נישט זיין דאגה. קלאָגט זי זיך אַמאָל,
איז שאָקלט ער זיך אָפּ גאָר מיט אַ שמייכל:
„נו, ווייס איך וואָס דו רעדסט דאָרט: יונגע קינדער,
„זיי וועלן שפּעטער קומען צו אַ שכל".
און טראַכטנדיק, און שטריקנדיק אַזוי
פֿאַרמערן זיך די זאָקן מיט די לייבלעך
פֿון פֿאַרביקן און שווערן גראָבן וואָל,
ווייל זיי, די פּריצטעס, שטייט ניט אָן צו טראָגן
דער מאַמעס וואַרעמע און שווערע זאָקן —
איז קלייבט זיך עס אין קאַסטן פֿאַר נאָך פֿאַר.

נאָר איינער איז געווען, וואָס פֿלעגט אַמאָל
זיך אָפּשטעלן ביי איר, פֿאַרהאַלטן זיך,
איר קושן אויפֿן אַלטן גרויען קאָפּ
און ריידן מיט דעם טאָן און זיכערקייט
ווי ס'טוט אַ גרעסער ריידן צו אַ קינד.
ער פֿלעגט איר גלעטן אויף דער האַרטער האַנט,
ביז ס'פֿלעגט צו מאָל איר אָפּגיין פֿונעם האַרצן —
דער איינער איז געווען: דזשייק.

When the prayer will come to *Oleynu*—
Then you must open your mouth."
He puffed up like a red turkey
And didn't talk anymore. Finally they quieted down,
And again approached the subject.
But immediately a second German got up,
Took the floor, and naively began

From Aleph: "Yet, but how is it possible,
A temple without an organ and a girl's choir."
Here the Litvaks completely
Lost their patience: they
Did not allow him to open his mouth again.
And this time, in a clear, fine Yiddish:
"Listen to him: organ—gorgan."
"Hey, who knows what that Austrian is jabbering about."
A smelly cloud of tobacco smoke
Hung over the whole house.
The Germans and Litvaks agrued, wrangled, screamed.
And people became hoarse.
Now the Germans felt very much insulted,
Indeed, they got up to go home.
And now the Litvaks were offended.
Josh worked hard to keep them together
And cleverly struck a balance between both sides.
It was late at night
When the storm was over,
The silent hostess
Brought something spicy and light to the table.
In front of the host lay
A long sheet of white paper,
And pen and ink were nearby.
The Germans and the Litvaks toasted *lekhayim*.
The red faces were sweating,
Wet hair pasted to the head,
And eyes were filmed
With clouds of sorrow and joy.
Glasses clinked softly
And a load dropped from their hearts.
Even the German of the pork store
Clinked with the nimble Max.
And when the crowd at last departed,
Josh sat for a long time at the table
His head bent over the large sheet
On which were written numbers and names.

## D. The Synagogue

Standing on a quiet street
Was an old church of red brick,
With long narrow windows of stained glass,
Which ended in an arch
Close to the cornice. A lawn
Of fine grass cut short,
And shady old trees,
Surrounded the church.
Thick, deeply carved ivy
With vines like young trees,
Climbed up to the coping
And filled the cavity of the windows.
Over the tall, narrow, arched doors
A plate of black marble
Was engraved with gold letters
In Gothic script: "You are Peter
And on this rock will I build my church."
It was cool inside
Like a cellar, even in the middle of summer.
The black polished
Benches extended, row after row,
To the high altar of the priest;
And in the deep, hollowed niche,
Lit by a red oil lamp,
Lonely and tortured, stood
The suffering figure of the pallid Jesus,
A crown of thorns piercing his head
And red drops of blood like beads.
On the right side of the wall, near that holiness
In the half darkness, were
The thick black undulating pipes of an organ.

„ווען ס'גאָטסדינסט וועט האַלטן ביי עלינו —
„דאַן ברויכן זי צעפּענען איר מונד".
דאָ איז דער דייטש געוואָרן רויט און טויט,
זיך אָנגעבלאָזן ווי דער רויטער אינדיק
און מער שוין ניט גערעדט. האָט מען זיך איינגעשטילט,
און ווידער צוגעטראָטן צונם ענין
איז אויפֿגעקומען באַלד אַ צווייטער דייטש
דאָס וואָרט גענומען, אָנגעהויבן תמימותדיק
צוריק פֿון אַלף: „יאָ, אָבער ווי שיקט זיך דאָס,
אין טעמפּל אָן אַ מיידלך־כאָר און אָרגל" —
און דאָ זיינען די ליטוואַקעס אין גאַנצן
אַרויסגעשפּרונגען פֿון געדולד: מען האָט
דעם דייטש נישט צוגעלאָזט צו עפֿענען דאָס מויל.
און דאָס מאָל אין אַ קלאָרן פֿיינעם יידיש:
„— איר הערט אַ ביסל ווערטער: אָרגל־גאָרגל".
„— עס, ווייס איך וואָס ער פּלוידערט דאָרט דער קירע".
מען האָט געטאַמפּערט זיך, געשריען און געליאַרעמט,
און ס'איז אין גאַנצן הויז אַרומגעשוואומען
אַ שטינקנדיקער וואָלקן טאַבאַק־רויך.
די קינדער זיינען אויש פֿון הויז צעלאָפֿן
און מענטשן זיינען הייזעריק געוואָרן.
דאָ האָבן זיך די דייטשן שטאַרק באַליידיקט,
זיך אויפֿגעהויבן גאָר צו גיין אַהיים;
און דאָ האָבן די ליטוואַקעס זיך אָנגעברוגזט.
און דזשאָש האָט שווער געאַרבעט ויי צו האַלטן,
און קונציק באַלאַנסירט מיט ביידע צדדים.
ערשט ווען ס'איז שוין געווען אַ שטיק אין נאַכט,
און אַז די שווייגנדיקע באַלעבאָסטע
האָט עפּעס שאַרפֿס און לייכטס דערלאַנגט צום טיש —
איז דאַן דער שטורם שוין געווען אַריבער:
און פֿאַרן באַלעבאָס איז שוין געלעגן
אַ לאַנגער ברייטער בויגן וויס־פּאַפּיר,
און ס'איז געשטאַנען גרייט דאָס טינט־און־פּעדער.
מען האָט געמאַכט „לחיים" יידישלעך,
די רויטע פּנימער האָבן געשוויצט.

דאָס נאַסע האָר האָט זיך געקלעפּט צום קאָפּ,
און ס'האָבן זיך די אויגן איבערצויגן
מיט לייכטע וואָלקנדלעך פֿון צער און פֿרייד.
די גלעזלעך האָבן צעקלונגען וויך
און עס איז ממש אָפּגעגאַנגען פֿון די הערצער.
דער דייטש אַפֿילו פֿון דער חזיר־יאַטקע
האָט מיט דעם פֿלינקן מעקס זיך צוגעקלונגען.
און אַז דער עולם איז צום סוף צעגאַנגען
איז דזשאָש נאָך לאַנג געזעסן ביי דעם טיש
דעם קאָפּ געבויגן איבערן גרויסן בויגן
פֿאַרשריבן מיט די ציפֿערן און נעמען.

## ד
## די שול

עס איז געשטאַנען אויף אַ שטילער גאַס
אַ הויכע אַלטע קירך פֿון רויטן ציגל,
מיט לאַנגע שמאָלע פֿענצטער פֿון קאָלירטן גלאָז,
וואָס האָבן זיך געענדיקט קיילעכדיק
גאָר נאָענט צום קאָרניז. אַרום דער קירך
האָט זיך געשטרעקט אַ ברייטע פֿיינע פֿלאַך
פֿון קורצגעשוירן גראָז, און ס'זיינען ברייט
און שאָטנדיק געשטאַנען אַלטע ביימער
מיט ברייטע שווערע טיף־געקאַרבטע קאַמבלען,
מיט צווייגן דיקע ווי די יונגע ביימער,
וואָס האָבן אָנגעשפּאַרט ביז צום געזימס
און אָנגעפֿילט דעם חלל פֿון די פֿענצטער.
די טירן הויך און שמאָל און קיילעכדיק
און איבער זיי אַ פּלאַט פֿון שוואַרצן מאַרמאָר
מיט איינגעקריצטע בוכשטאַבן פֿון גאָלד
אין שריפֿט אין גאָטישער: „דו ביסט פּעטער
און אויף דעם פֿעלז וועל איך בויען מיין קירך".
און איז מען אינעווייניק אַריין — האָט עס

אַ הויך געטאָן מיט קעלט אין מיטן זומער,
ווי פֿון אַ קעלער. ס'האָבן זיך געצויגן טיף
די בענק די שוואַרצפּאָלירטע ריי נאָך ריי,
ביז צו דער הויכער בימה פֿון דעם פּאַסטאָר;
און אין דער טיפֿער אויסגעהוילטער נישע
באַלויכטן מיט אַ רויטן לעמפּל אויל
האָט עלנט און געפּייניקט זיך געבליכט
די ליידנדע פֿיגור פֿון בלאַסן ישו,
דער דערנער־קראַנץ אין קאָפּ אַריינגעשטאָכן
מיט רויטע טראָפּן בלוט ווי די קאָרעלן.
די רעכטע זייט פֿון וואַנט האָט ביי דער הייליקייט
אין האַלבער טונקלקייט געבוואַליעט זיך
מיט דיקע שוואַרצע רערן פֿון אַן אָרגל.

Across the round smooth ceiling flew
Children and angels
With transparent shirts, pink wings,
And small yellow haloes around their heads.

The church dozed for long years
Engrossed in itself.
From eternity, it dreamt of eternity
Until the dinning noise of the screaming street
Reached it.
Businesses sprang up near the church,
Crowds of blacks milled around it,
An Irishman opened a tavern at the corner,
And nights became festive

With lively shouts and banjo tunes.
Later, small stores with displays
Of flapping pants and top hats appeared;
And then, a large lively chicken market,
Cropped up, noisy, tumultuous.
The nights screamed and crowed
With chickens from the whole country.
Geese and ganders gabbed angrily
And fat turkeys gobbled.
A shrewd Greek opened
A smelly restaurant; an Italian
Displayed the finest greens and fruit;
And Lee Hu-Tchung, with long stiff braids,
In a black blouse with tassels,
Installed himself in the white window
And day and night he stood with a small iron,
Pressing linens. Meanwhile, the church
Stood removed from everything,
Preoccupied with itself in the shadow of the trees.
Yet, every now and then, a sound
Separated itself from the tumultuous world,
Invaded the quiet nest,
Interrupting its thinking.
The elders
Of the church conferred once, and a second time,
Thought and thought, called together
The rich patrons to search out remedies.
But remedies, they could not find.
As it is written in the holy verses:
"Your destroyers and despoilers
Come from your own midst." Many
Of these patrons
Were themselves the owners
Of the noisy screaming trades
Which interfered with the quietness of the church,
But they could not help themselves:
Business is business, and church is church.
And now to the satisfaction of both,
Josh came along just in time.
He bought the church for a synagogue.

Of course, the synagogue had faults.
They stemmed from this: when

The church was built long ago
No one had anticipated that
It would be transformed into a synagogue.
Thus, it emerged with three faults:
The first: instead
Of the ark facing the east,
As is the law, it was placed
In the northern wall—but it couldn't be helped
Because the building was narrow and deep.
Second, there was no altar in the middle,
So that when someone went up to read the Torah
He had to go to the niche
From which the minister used to deliver his sermons.
And for *bakofes* one had to go around the benches.
The third fault was there was no
Separate place for the women.
That was the way of the Gentiles.

The synagogue was finally remodeled and
Covered from top to bottom
With fresh, fragrant whitewash.
The Father's Torah in its satin mantle
With a gold embroidered Star of David,

אויף דעם סופֿיט דעם קײַלעכדיקן גלאַטן
געפֿלויגן זײַנען קינדער און מלאכים
מיט דורכזיכטיקע העמדער, ראָזע פֿליגל,
מיט געלע רײַפֿלעך שוין אַרום די קעפּ.

איז זיך די קירך געשטאַנען לאַנגע יאָר
פֿאַרטיפֿט און דרימלענדיק אין זיך אַליין,
פֿון אייביקייט אין אייביקייט געחלומט,
ביז ס'האָט זיך אָנגעהויבן צו דערטראָגן
דער רעש פֿון פּילדערדיקער שרײַענדיקער גאַס;
געשעפֿטן האָט ביז אַהין פֿאַרקליבן זיך
געשווירבלט און געגריבלט דאָרט מיט שוואַרצע.
אַן אירלענדער האָט אויפֿן ראָג אַ שענק געעפֿנט,
און אין די נעכט איז שוין געוואָרן הײַמלעך
פֿון לוסטיקע געשרײַען און פֿון באַנדזשאָס.
דערנאָך זײַנען באַלד נאָכגעקומען קרעמלעך
פֿון פֿלאַטערדיקע הויזן און צילינדערס;
דערנאָך האָט זיך צעעפֿנט ראַשיק, טומלדיק,
אַ גרויסער לעבעדיקער הינערמאַרק;
און אין די נעכט האָט עס געשריִען און געקרייט
מיט גאָר די הינער פֿונעם גאַנצן לאַנד,
די גענדז און גאַנערס האָבן בייז געליאַרעמט.

און שווערע אינדיקעס האָבן געכאָלדערט.
אַ פֿלינקער גריך האָט אויפֿגעעפֿנט באַלד
אַ שמעקעדיקן רעסטאָראַן; אַן איטאַליענער
האָט אויסגעלייגט די פֿײַנסטע גרינס און פֿרוכטן;
און ליִ־הו־טשונג, מיט לאַנגע האַרטע צעפּ,
האָט אין זײַן שוואַרצער בלוזע מיט די טראָלדן,
אַרײַנגעשטעלט זיך אין דעם ווײַסן פֿענצטער
און טאָג ווי נאַכט געשטאַנען בײַ דעם פּרעסל,
געגלעט דאָס וועש־צײַג. אמת, ס'איז די קירך
דערווײַל געשטאַנען אָפּגערוקט פֿון אַלעם,
פֿאַרטיפֿט אין זיך און שאָטן פֿון די ביימער —
דאָך האָט זיך יעדע ווײַל אַן אַנדער קלאַנג
זיך אָפּגעריסן פֿון דער דרויסנדיקער וועלט,
און ביז איר שטילן נעסט אַרײַנגעדרונגען,
און איר געשטערט צו טראַכטן.
האָבן די גבאים
פֿון קירך, זיך איינמאָל און אַ צווייטן מאָל באַראָטן,
געקלערט אַהער, געקלערט אַהין, פֿאַררופֿן
די רײַכע באַלעבאַטים זוכן מיטלען —
די מיטלען אָבער האָט מען נישט געפֿונען.
ווי שטייט געשריבן אינעם אַלטן פּסוק;
„אַז די צעשטערער דײַנע און פֿאַרניכטער
זיי נעמען זיך פֿון דיר אַליין". ווײַל פֿיל
פֿון יענע באַלעבאַטים פֿון דער שכונה
זײַנען די אייגנטימער פֿון דער שכונה
פֿון ליאַרעמדיקן שרײַענדיקן מסחר
וואָס האָט געשטערט די רואיקייט פֿון קירך.
זיך העלפֿן אָבער האָט מען נישט געקענט;
געשעפֿט איז געשעפֿט, און קירך איז קירך.
און דאָ איז דזשאָש געקומען אין דער צײַט
צו דער צופֿרידנקייט פֿון ביידע צדדים:
די קירך געקויפֿט צו מאַכן פֿאַר אַ שול.

די שול האָט דווקא יאָ געהאַט חסרונות.
גענומען האָט זיך עס דערפֿון: וואָס בעת
מען האָט די קירך מיט יאָרן לאַנג צוריק
אויפֿגעשטעלט, האָט מען זיך נישט געריכט
זי זאָל מגולגל ווערן אין אַ שול.
דערפֿון איז זי אַרויס מיט דרײַ חסרונות;
דער ערשטער פֿעלער איז געווען: אַנשטאָט
דער ארון קודש זאָל אַרויסקומען צו מזרח,
ווי ס'איז דער דין, איז גאָר געווען זײַן פּלאַץ
אין צפֿון־וואַנט — און העלפֿן האָט מען נישט געקאָנט
ווײַל ס'איז דער בנין שמאָל געווען און טיף.
אויך איז אין מיטן נישט געווען קיין בימה,
און ווען מען דאַרף אַרויפֿגיין צו דער תּורה
ווען מען באַדאַרפֿן קומען צו דער נישע,
וואו ס'פֿלעגט דער גײַסטלעכער טאָן פּרעדיקן,
און צו הקפֿות ווען מען גיין אַרום די בענק.
דער דריטער פֿעלער איז געווען; — ס'האָט אויסגעפֿעלט
אַן אָפּגעצאַמטער פּלאַץ פֿאַר די ווײַבער —
בײַ זיי, די גוים, איז געווען רעכט אַזוי.

נאָר אַז די שול האָט זיך צולעצט באַנײַט,
זיך אויסגעווײַסט פֿון אויבן ביז אַראָפּ
מיט פֿרישן קלאָרן שמעקעדיקן קאַלך
און אין דער נישע פֿון נישט־לאַנג געוועזענעם זון
האָט זיך געטוליעט פֿײַערלעך און שטיל
דעם פֿאָטערס תּורה אין אַ סאַמעט־מאַנטל,
מיט אַ פּרוכת פֿון דעם פֿײַנסטן סאַמעט
מיט אויסגענייטן גאָלדענעם מגן־דוד;

Rising up to the high vaulted ceiling,
Which was no longer strange, but familiar and trustworthy.
High, fervent, and strong the words rang out:
"What we are, we are—
But Jews are we
What we do, we do—
But candles we bless!"

## Six

### A. Jacob

Clean-cut, firmly built, supple,
Tall, broad-shouldered, a strong chest,
His sturdy, muscular limbs
Clearly outlined beneath his immaculate clothing
Which fit as if poured.
Soft, black, shining hair
Falling in curls on his forehead,
The lips firm, resolute, and aggressive,
The eyes gray, sharp as his father's,
But young and laughing and free of sorrow,
Proud, full of self-assurance and self-worth.
These were the eyes
Of a strong, dominating character,
Which bends everything to its will
Without need of words.

He grew up in the new air
And was nurtured by another wind.
He did not know old complaints,
Ancient sorrows were not his.
He grew free, fresh, and handsome
With eyes open to a new life,
And ears avidly picking up
And absorbing the new sounds

Which were carried like a current,
Colorful, strong, gaudy, ringing,
Now tender, soothing, and caressing like silk,
Now sharp and raw, brutal and piercing.
The youth saw life face to face:
The red display of wild passion,
The atrocious, red fires,
The expression of man's hate,
Heard the hoof-beats of infuriated horses,
The frightening retort of distant guns,
And nightly drawn-out laments
Of women's voices, which pierce
The heart like sharp thin spears.
He saw the expression of the wild mob
On the accused black man:
The white rope around the black neck,
The black face gone gray, the mouth clenched,
The body convulsed in dread of death,
A small yellow fire smoldering at his feet,
The air filled with the smell and fumes of burnt flesh,
The yellowed white of the eyes rolling,
And blue lips pleading: "A bullet, a bullet,
Have pity. Shoot me!"
And he also saw the peace and tranquillity
Of the secure and strong young nation:
The great splendor of the summer market,
Which drowns in a sea of living flowers
And dots the face of field and garden with opulence.
The hot horses of the hot South,
And women's hot glances which, penetrating
The thin transparent veil
Of youthful modesty, say, "take me, take me."
As the seashell holds the sound of the sea,
His ears held the vibrations
Of sound and song and laughter,
Of friendly conversations and of angry words,
The cooing of doves overhead,
The strumming of big-bellied banjoes,
The trembling of soft mandolins,
The praise and glory to "Jesus-Lincoln"
Carried in ecstatic songs of old Negroes
Who still carried the marks
Of whips and chains, and gray brands
Burnt into the black skin as on horses.
The youth absorbed the sounds,
Color, and smell of the vast South
With its animals, people, fields, and woods:

און צו דעם הויך־געוועלבטן, ביז איצט פרעמדן,
און איצטער נאענטן און פארטרויטן, באלקן —
האט הויך און ברענענדיק און שטארק געקלונגען:
„וואס מיר זיינען מיר —
„אבער יידן זיינען מיר;
„וואס מיר טוען טוען מיר —
„אבער ליכטלעך בענטשן מיר!"

זעקסטער קאפיטל

א

## דזשייקאב

ריין, פעסט געבויט, אטלעטיש בויגעוודיק,
הויך, ברייט אין שולטערן און פעסט אין ברוסט;
די קליידער נעט און ריין ווי אויסבעגאסן
פון וועלכע ס'צייכענען בולט זיך ארויס
די שטארקע שטייפע מוסקולדיקע גלידער.
מיט שווארצע ווייכע גלאנצנדיקע האר
וואס פאלן אין די רינגען אויפן שטערן.
די ליפן פעסט און שארף און אגרעסיוו.
די אויגן גרויע, מיט זיין פאטערס שארפקייט —
נאר יונג און לאכעדיק און פריי פון פיין.
שטאלץ, פול מיט אינערלעכער זיכערקייט און ווערט.
די זיינען שוין געווען פרייע אויגן
פון הערשערישע, שטארקע כאראקטערן.
וואס בייגן אלעס צו דעם ווילן זייערן.
נישט דארפנדיק באפעלן מיטן מויל.

ער איז שוין אויסגעוואקסן אין דער נייער לופט
און איז באוויסט געווארן פון אן אנדער ווינט.
דער אלטער קרעכץ האט אים שוין אויסגעווייכט.
און ס'האט דער אלטער טרויער אים געמיידט.
ער איז געוואקסן פריי און פריש און שלאנק
מיט אויגן אפענע אין נייעם לעבן,
און אויערן, וואס האבן גיריק אויפגעכאפט.
און איינגעזאפט אין זיך די נייע קלאנגען,
וואס האבן זיך געטראגן שטראמענווייז.

קאלירט און שטארק און בונט און קלינגענדיק —
אט צארט, באַרויקנד און גלעטנדיק ווי זייד,
אט שארף און רוי, ברוטאל און שרייענדיק.
דער יונג האט אויג אויף אויג דערזען דאס לעבן;
דערזען דאס רויטע שפיל פון ווילדער ליידנשאפט,
געזען די גרויזאמע, די רויטע פייערן —
דעם רויטן אויסדרוק פון דעם מענטשנס האס —
געהערט דאס טראמפלען פון צעררייצטע פערד,
דעם מוראדיקן בראזג פון ווייטע ביקסן,
און נאכטיק אויסגעצויגענעם געיאמער
פון פרויען־שטימען, וועלכע שטעכן זיך אריין
ווי שארפע דינע שפיזן אינעם הארצן.
געזען דעם אויסדרוק פון דעם ווילדן „מאב"
אויף דעם פארשולדיקטן, דעם שווארצן מאן:
די ווייסע שטריק ארום דעם שווארצן האלדז,
דאס שווארצע פנים — גרוי, דאס מויל פארשטשירעט,
דער קערפער קאנוואולסירט אין אנגסט פון טויט,
עס ושיפעט געלב א פייערל צופוסנס,
עס שמעקט און טשאדעט מיט געבראטן פלייש
עס ראלן זיך די געלע־אויגן־ווייסלעך;
די בלויע ליפן יאמערן: א קויל, א קויל,
האט מיטלייד, גוטע מענטשן, גיט א קויל!"
און אויך האט ער געזען די רו און שלווה
פון זיכערן און שטארקן יונגן פאלק;
די גרויסע פראכט פון זומערדיקן מארק,
וואס טרינקט זיך אין א ים פון לעבעדיקע בלומען
און שפריצט מיט שפע פונם פעלד און גארטן.
די הייסע פערד פון הייסן דרום־לאנד.
און הייסע פרויען־בליקן וועלכע עגבערן
אדורך דעם דינעם דורכזיכטיקן שלייער
פון יונגשאפטלעכער צניעות: נעם מיך, נעם מיך.
און דורכן אויער איז געגאנגען דאס געדויש
ווי ס'גייט דאס רויש פון וואכן מעער־קאפ —
פון קלאנג און פון געזאנג און פון געלעכטער,
פון פריינטלעכן געשמועס און פון בייזן ווארט,
דאס וואָרקען פון די טויבן איבער קעפ,
דאס קלימפערן פון בייכיקע באנדזשאס,
דאס ציטערן פון צארטע מאנדאלינען,
עקסטאטישן געזאנג פון אלטע נעגערס —
וואס האבן נאך אויף זיך געהאט סמנים
פון בייטשן און פון צוואנג, מיט גרויע חתימות
אריינגעברענט אין שווארצע לייבער ווי אויף פערד —
מיט לויב און רום צו „דזשיזוס"־לינקאלן.
דער יונג האט איינגעזאפט אין זיך די קלאנגען,
קאליר און ריח פון דעם ברייטן דרום־לאנד
מיט זיינע חיות, מענטשן, פעלד און וואלד;

Accepted Jake's rule
Without questions and without misgivings.
They already recognized the master in him.
One look from Jacob was enough,
One word spoken, kindly but firmly,
Sent them scurrying into the corners
In the very middle of shrieking laughter.
Sam, who had a knack for breaking into a dance,
Remained standing, frozen in the middle
Of a lively number, smiling guiltily,
His eyes large, immobile, white,
Whenever Jake found him dancing
In the middle of work.
At home,
Jacob was looked up to as a leader.
Quiet, careful with words,
But with a friendly fatherly smile,
He seemed much older than the other children.
They deferred to him,
Felt in awe of him, listened
To his every word, and were elated
When they pleased their brother.
On Sunday evening, when
The young folk gathered in the house,
Jacob, friendly and gracious, entertained
His sister's friends and his own.
His tongue became free and sharp
And his tan face flamed
When, affectionately, he drew
His sister's blushing friend to him.
The father blew smelly clouds of smoke
From a black cigar,
And followed his son out of the corner of his eye
With pride and satisfaction.
Sometimes he would think: It's time
For him, the son, to build himself a home.
He would think of all the Germans
Who would be happy to have Jacob.
Recently, rich Hyman, winking, said
"He really gets things done, that Jake."
When the father, full of fatherly pride,
Kept quiet, the coarse Hyman

Gave Josh a nudge with his elbow,
And laughing, with devilish eyes,
Continued: "Okay, but what do you think
About my Flossie; she has a nice figure,
A good prudent housekeeper.
Ha-ha . . . What do you think?"
Thus
Jacob grew and matured,
But his heart was still free
And not touched by real passion for a woman
Until Vivian came into his life.

## B. Vivian

The first pioneers who
Cut their dreadful way through
The western side of Virginia and reached
The fertile region of the blue grass
Were truly heroes.
It was the striving of human nature,
The eagerness to discover new land,
Which drove the pioneers on
Cutting through the huge spiral mountains,
Stretching for hundreds of miles, covered
With dry, scrubby trees.
The pioneers did not know
About the wealth under their feet.
In the bowels of the yellow mountains
Were many rich treasures
Of hard, heavy, sparkling coal
And rich veins of black iron.
They looked for grass for their cattle,
And flat land to plow and sow.

The first to see the land of blue grass
For himself was Daniel Boone, the powerful, bold hunter.*

*Schwartz is taking poetic license. Boone was surely not the first to see Kentucky.

זיי האָבן אָנגענומען דזשייקס ממשלה
אָן קשיות און אָן פֿאָרגעפֿילן — נאָר
זיי האָבן שוין אין אים דערקענט דעם מייסטער.
און ס'איז גענוג געווען דזשייקאָבס איין קוק,
איין וואָרט, געלאַסן, קיל, אַרויסגערעדט,
אַז זיי זאָלן צופֿאַלן אין די ווינקלען
אין סאַמע מיט פֿון קוויטשיקן געלעכטער;
און סעם, אַ מזיק אויף צו גיין אַ דזשיג,
פֿלעגט בלייבן שטיין פֿאַרגליווערט אין דער מיט
פֿון ברענענדיקן דזשיג, פֿלעגט שמייכלען שולדיק,
מיט גרויסע אויסגעפֿרוירענע און ווייסע אויגן

ווען דזשייק פֿלעגט אים דערטאַפּן דזשיגענדיק
אין מיטן אַרבעט.
אין דער היים, האָט מען
אויף דזשייקאָבן געקוקט ווי אויפֿן פֿירער:
אַ שטילער, קאַרג אויף איבעריקע ווערטער,
נאָר מיט אַ פֿריינטלעך־פֿאָטערלעכן שמייכל —
אַזוי פֿיל עלטער פֿון די איבעריקע קינדער.
האָבן די קינדער צו'ם ברודער זיך געבויגן,
געהאַט פֿאַר אים גרויס בושה, און געפֿאָלגט
זיין איטלעך וואָרט, און זיך געפֿילט געשמייכלט
ווען זיי האָבן ביים ברודער אויסגענומען.
אין זונטיקדיקע אָוונטן, ווען ס'פֿלעגט
דאָס יונגוואַרג זיך צונויפֿקומען אין הויז —
פֿלעגט דזשייקאָב גוטמוטיק און פֿריינטלעך אויפֿנעמען
די שוועסטערס חברטעס און זיינע פֿריינט.
זיין צונג פֿלעגט ווערן פֿריי און בליציק,
און ס'ברוינע פּנים האָט געברענט מיט פֿייער,
ווען ער פֿלעגט וואַרעם־היימיש צוטוליען צו זיך
אַ שוועסטערס חברטע צעפֿלאַמט און בויגיק.
דער פֿאָטער, מיטן שוואַרצן דופֿטנדן ציגאַר,
פֿלעגט נאָכפֿאָלגן דעם זון פֿון ווינקל־אויג
דורך שמעקעדיקע רינגענדיקע נעבלען —
מיט שטאָלץ און נחת אויפֿן יונגן זון.
אַמאָל פֿלעגט ער פֿאַרטראַכטן זיך: ס'איז צייט
פֿאַר אים, דעם זון, צו בויען זיך אַ היים;
פֿלעגט דורכוואַרפֿן אין זין די אַלע דייטשן
וואָס וואָלטן גליקלעך זיין צו האָבן דזשייקאָבן.
אַנומלט מאַכט צו אים דער רייכער היימאַן:
„אַין טיכטיק־בראַווער קערל איז דער דזשייק" —
און האָט דערביי אים צוגעוואונקען מיטן אויג.
און ווען דער טאַטע האָט מיט פֿאָטערלעכן שטאָלץ
אויף דעם פֿאַרשוויגן — האָט דער גראָבער היימאַן
אַ שטורך געגעבן דזשאָשן מיטן עלנבויגן,
און לאַכנדיק, מיט ממזרישע אויגן,
נים נאָכגעלאָזט: „נו יאָ, אָבער וואָס דענקען זי

„פֿאָן פֿלאָסין מיינער, זי איזט היבש געוואַקסן,
„איזט יאָ איין גראָסע ווירטין אונד פֿערנינפֿטיג.
„העהע... וואָס דענקען זי צומאָל?"...
אַזוי
איז דזשייקאָב אויסגעוואַקסן, און געוואָרן רייף
נאָר ס'איז זיין האַרץ נאָך אַלץ געווען פֿריי
און נישט באַרירט פֿון פֿרויענטלעכן פֿייער —
ביז וויוויאַן איז אויפֿגעקומען אין זיין לעבן.

## ב
## וויוויאַן

די ערשטע פּיאָנערן וועלכע האָבן
אַדורכגעשניטן זייער שוידערלעכן וועג
דורך מערבֿ־זייט ווירדזשיניאַ, און דערגרייכט
דעם פֿרוכטבאַרן רעגיאָן פֿון בלויען גראָז —
די זיינען אמתדיק געווען העלדן.
עס איז געווען דער דראַנג פֿון מענטשלעכער נאַטור,
די נייגיר צו אַנטפּלעקן נייעם לאַנד,
וואָס האָט די פּיאָנערן אָנגעטריבן
צו דורכשניידן די ריזיקע ספּיראַלע בערג,
וואָס ציען זיך אויף מיילן הונדערטער, באַדעקט
מיט טרוקענע צעדאַרטע בוימלעך־קאַרליקעס. —
די פּיאָנערן האָבן נישט געוואוסט
אויף וואָס פֿאַר רייכטימער עס טרעטן זייערע פֿיס.
אַז אין די נירן פֿון די געלע בערג
באַהאַלטן זיך אַזוי פֿיל רייכע אוצרות
פֿון שווערן האַרטן גלאַנצנדיקן קויל
און רייכע אָדערן פֿון שוואַרצן אייזן:
זיי האָבן גראָז געזוכט פֿאַר זייערע בהמות,
און פֿלאַכלאַנד אויף צו אַקערן און זייען.

אַז דעניעל בון, דער מעכטיקער געוואַגטער יעגער,
דער ערשטער צו דערזען פֿאַר זיך דאָס לאַנד

When Boone discovered
The rich soil of Kentucky,
He immediately sent a messenger to his brother
And all his relatives with the words:
"I discovered land, the grass is green and rich,
The plain is broad and wide, the water sweet,
Come. Let's settle this paradise."
And caravans started to move,
With oxen harnessed to covered wagons:
In the wagons
Children with thin pinched faces,
And open, eager eyes played.
With them were muscular, melancholy women,
Hardened in battle, like men.
They cut through mountains, and
After months of hardship, settled
Facing wind and cold, hunger and thirst,
And worst of all, the wild fury
Of battling tribes of Indians,
Who stalked them like wolves.
Sensing the beginning of the end,
The red man blocked their paths.
In his rage he spared no one,
Decorated himself with the scalps of the men,
Women, and children. The lucky ones who
Finally struggled through to the fertile land
Carried on their shoulders the burden
Of the needs and dangers of the new settlement:
Unsuccessful crops,
The frequent attacks of the enemy
With bows and arrows, tomahawks and fires.

The second generation was more relaxed.
The bloody wars stopped
And people worked in peace and freedom.
Flocks of sheep increased
And the plow glistened in the sun.
The women, still working like men
Among sheep and field,
Carried, nursed, buried,
And put the new generation on its feet.
They still looked like men,
With broad hands and feet and red faces,
But the stubborn gloom
Was gone and sometimes
Their mouths broke into a smile.
The women of the later generations
Were even softer and more feminine,
The fire of lust and desire in their blood
And in their clear worry-free eyes.
Careless laughter was on their lips.
The white males, masters
Of the fields, used whips
On the black man from hot Africa
Who poured his sweat into the rich earth.
A new nobility grew up
Of powerful, rich landowners
With tens and hundreds of servants.
A constant stream
Of luxuries from the whole world
Came into their fabulous castles and palaces:
Furs from Alaska and Siberia,
Wonderful, original satin and silk dresses
From Paris, the finest jewelry
Fashioned and engraved by goldsmiths,
Aged, bubbling champagnes,
The most expensive cigars from Havana,
White ostrich feathers from Africa.
Through time, the men
Became soft and effeminate like the women,
Their hands and faces white and languid,
Their lips made only for kissing.
They dressed in designer suits,
With fluttering ascots and wraps,
And like patricians from birth, devoted themselves
To art, to song, to Bacchus and Amor.

פֿון בלויען גראָז — אַז בון האָט אויסגעפֿונען
דעם פֿעטן באָדן פֿון קענטאַקי־לאַנד,
האָט ער געשיקט באַלד אַ שליח צו זיין ברודער
און אַלע זיינע קרובים מיט די ווערטער:
„ב׳האָב לאַנד אַנטדעקט, דאָס גראָז איז גרין און פֿעט,
„די פּלאַך איז ברייט און ווייט, דאָס וואַסער זיס.
„קומט, לאָמיר דאָ באַזעצן דעם גן־עדן".
און ס׳האָבן זיך גענומען ציען קאַראַוואַנען,
מיט אָקסן איינגעשפּאַנט צו בוידלער־וועגענער;
און אין די בוידלען האָבן זיך געהוידעט
די קינדער מיט צעדאַרטע דינע פּנימער,
מיט אָפֿענע און נייגעריקע אויגלעך;
מיט מוסקולדיקע מרה־שחורהדיקע ווייבער,
פֿאַרהאַרטעוועט אין קאַמף, ווי האַלבע מאַנסביל.
זיי האָבן זיך געשניטן דורך די בערג,
מאָנאַטן לאַנג געשלעפּט זיך, אויסגעזעצט
צום ווינט און קעלט, צו הונגער און צו דאָרשט.
און ערגער נאָך פֿון אַלץ, צום ווילדן צאָרן
פֿון קריגערישע שבטים אינדיאַנער,
וואָס האָבן ווי די וועלף אויף זיי געלויערט.
דער רויטער מאַן האָט זיך געשטעלט אין וועג,
דערשפּירט דעם אָנהייב פֿון זיין אונטערגאַנג —
האָט ער, אין צאָרן, קיינעם ניט געשוינט;
זיך אויסגעפּוצט מיט סקאַלפּן פֿון די מענער,
פֿון פֿרוי און קינד. די גליקלעכע וואָס האָבן
צום סוף דערשלעפּט זיך צו דעם גוטן לאַנד —
די האָבן אויסגעטראָגן אויף די פּלייצעס
די נויט און די געפֿאַר פֿון נייעם ישוב,
ניט איינגעגעבענע גערעטעכישן,
די אָפֿטע איבערפֿאַלן פֿונם שונא
מיט פֿיילנבויגן, טאָמאַהאָק און פֿייער.

דער צווייטער דור האָט אָפּגעאָטעמט פֿרייער
עס האָבן אויפֿגעהערט די בלוטיקע מלחמות,
און מענטשן האָבן פֿרידלעך, פֿריי געאַרבעט.
עס האָבן זיך געמערט די סטאַדעס שאָף
און ס׳האָט געגלאַנצט דער אַקער אויף דער זון.
די ווייבער האָבן נאָך געאַרבעט ווי די מענער
אַרומגעגאַנגען אַרום פֿעלד און שאָף,
געטראָגן און געזויגן און באַגראָבן,
און אויף די פֿיס געשטעלט אַ נייעם דור.
זיי האָבן אַלץ נאָך אויסגעזען ווי מאַנסביל
מיט ברייטע הענט און פֿיס און רויטע פּנימער —
נאָר די עקשנותדיקע מרה־שחורה
איז שוין געווען אַוועק; און ס׳פֿלעגט צומאָל
אַ שמייכל אויפֿשפּאַלטן די ברייטע מיילער.
די פֿרויען פֿון די שפּעטערדיקע דורות
די זיינען שוין געווען פֿאַרצערטלט, ווייך,
מיט פֿייערן פֿון ווייבלעכקייט און לוסט אין בלוט
און אין די קלאָרע אויסגערוטע אויגן,
מיט זאָרגלאָזן געלעכטער אויף די ליפּן —
ווייל אויף די פֿעלדער פֿון די מאַנען־האַרן
האָט שוין דער שוואַרצער מאַן פֿון הייסער אַפֿריקע —
געטריבן מיט דער בייטש פֿון ווייסן הערשער —
געגאָסן מיט זיין שווייס אין פֿעטער ערד.
עס האָט זיך אויפֿגעבויט אַ נייער אַדל
פֿון מעכטיקע און רייכע גוטבאַזיצער
אין וואונדערבאַרע שלעסער און פּאַלאַצן
מיט צענדליקער און הונדערטער באַדינער.
און אין די וואונדערבאַרע שלעסער און פּאַלאַצן
האָט עס געהאַלטן אין איין שטראָמען
מיט גאָר דעם לוקסוס פֿון דער גאַנצער וועלט;
אַלאַסקע און סיביר מיט פֿוטערוואַרג,
פּאַריז מיט זעלטענע און וואונדערלעכע קליידער
פֿון סאַמעט און פֿון זייד; די פֿיינסטע צירונג
געהאַמערט און געפֿיילט פֿון קינסטלער־שמידן,
מיט אַלטן פּערלדיקן ווייַן שאַמפּאַניער.
האַוואַנאַ מיט די טייערסטע ציגאַרן,
און אַפֿריקע מיט ווייסע פֿעדערן פֿון שטרויסן.
די מענער זיינען דורך דער צייט געוואָרן

פֿאַראיידלט און פֿאַרצערטלט ווי די ווייבער,
די הענט און פּנימער — פֿאַרבלאַסט און איידל,
די ליפּן אויסגעכאַליעט בלויז צום קושן,
פֿאַרקליידט אין קינסטלערישע אָנצוגן,
מיט פֿלאַטערדיקע האַלדזטיכער און הילעס,
און ווי פּאַטריציער פֿון געבורט, זיך אָפּגעגעבן
צו קונסט, געזאַנג, צו באַקכוס און אַמאָר.

## C. In-Laws

Old Josh, with a cigar in his mouth,
Sat quietly and controlled,
His eyes smarting from the smoke,
His gray head sunk into his shoulders.
He heard and didn't hear the old neighbor
With the pointed tremulous beard
And the small beady blue eyes.
The neighbor spoke sedately, quietly,
Let the smoke from the black pipe curl,
Tried to look into the Jew's eyes.
But the Jew squinted because of the smoke,

And it was impossible for the neighbor
To see and to understand the Jew's mind,
Which worried the neighbor greatly.
The "Uncle Sam" beard nervously trembled,
And the sparse gray hairs
Of the old head fluttered.
The old woman in the black silk dress
Sat stiff and straight in her chair,
In one and the same pose, as if frozen,
Her eyes veiled, lifeless, heavy.
The lamp over the table burned brightly,
Reflecting thin clear flames
In the glasses of strong tea which no one
Even touched to his lips.
Ashamed, the tea, cooled,
Raising thin wreaths of steam.
And the wall clock ticked, ticked,
And spread gloom within the house.

The neighbor finally ran out of patience
And from a thinly disguised tone
Came bitterness and gall.
Hostility blazed in his eyes,
His thin blood in
The old skull with the sparse hair
Spread a dismal redness
Under the wrinkled parchment skin.
He banged the table with all his strength
So that the old woman jumped, startled.
His voice became sharp and cutting,
And looking hard into the Jew's face
He spoke grimly: "Josh," he said,
"When the girl came and said
That she married your son,
I couldn't believe my ears.
My brother's daughter, and the Jew? A fine pair.
If my brother Howard were alive
It probably wouldn't have come to this.
I've been going around the last few months confused.
I am ashamed to raise my eyes.
So what do I find out? You are angry.
You drove your son out of the business.
And who can we complain to. To live to see this!"

Quietly and coolly the Jew responded
"And I? I was certainly not looking for such lineage."
"Is that so!" The neighbor became more incensed.
"I didn't even want to come here.
I can't expect any respect from you.
But I like the way you, Josh, are so arrogant.
I'd only like, Josh, to know the secret
Of your great and noble lineage.
Is it in the fact that your forefathers
Nineteen hundred years ago
Crucified Jesus?"
The Jew didn't answer:
The cigar in his hand went dead.
With his other hand, he covered
His weary eyes, as if he were asleep.
Each angry, harsh word
Hit him like a sharp stone
And his skin smarted with pain.
Lost in thought and suffering intensely
In the large, deep chair, he kept silent.

The neighbor waited for an answer,
Struck matches to light his pipe,

ג

## מחותנים

דער אַלטער דזשאָש מיטן ציגאַר אין מויל
איז זיך געזעסן שטיל און איינגעהאַלטן,
די אויגן שטאַרק פֿאַרזשמורעט פֿונם רויך,
דער גרויער קאָפּ פֿאַרזונקען אין די פּלייצעס;
געהערט און ניט געהערט דעם אַלטן שכן
מיטן פֿאַרשפּיצטן טרייסלדיקן בערדל
און קליינע שפּיציקע און בלויע אויגן.

דער שכן האָט גערעדט געלאַסן, שטיל,
געבלאָזן קנוילן רויך פֿון שוואַרצער ליולקע,
געפּרוּווט אַרייַנקוקן אין אידנס אויגן.
נאָר ס'האָט דער ייִד געזשמורעט זיי פֿון רויך,
און ס'איז געווען אוממעגלעך פֿאַרן שכן
צו זען און צו פֿאַרשטיין דעם ייִדנס מיין,
פֿון וואָס דער שכן האָט זיך שטאַרק געערגערט;
די „אַנקל סעם באָרד" האָט נערוועז געטרייסלט זיך,
און ס'האָבן זיך די שיטערע און גרויע האָר
פֿון אַלטן קאָפּ געבלאָזן און געפֿלאַטערט;
די אַלטע אינם קלייד פֿון שוואַרצן זייד,
איז שטייף און גראָד געזעסן אין איר שטול,
אין איין און זעלבער פּאָזע, ווי פֿאַרשטאַרט,
מיט מוטנע לעבלאָזע און שווערע אויגן.
דער לאָמפּ איבערן טיש האָט העל געברענט,
געשפּיגלט זיך מיט קלאָרע דינע פֿייערלעך
אין גלעזער שטאַרקן טיי וואָס קיינער האָט
צומאָל אַפֿילו זיך ניט צוגערירט צו זיי.
און ס'האָט דער טיי פֿאַרשעמט געקילט זיך,
געבלאָזט מיט דינע קרייזלדיקע רייכלעך.
און ס'האָט דער וואַנט־זייגער געקלאַפּט, געקלאַפּט
און אָנגעיאָגט אַן אומעט אינם הויז.

ביז ס'איז דער שכן פֿון געדולד אַרויס,
און פֿון דעם וועייכן פֿאַרמאַסקירטן טאָן
איז ער אַרויס מיט ביטערניש און גאַל;
דער האַס האָט אים געבלעזלט אין די אויגן,
און ס'ביסל אַלט דין בלוט האָט אָנגעשפּאַרט
צום אַלטן שאַרבן מיט די דינע האָר
און זיך געגאָסן מיט אַ טריבער רויטקייט
פֿון אונטער דער צעקנייטשטער פּאַרמעט־הויט.
אַ פּאַטש געטאָן אין טיש מיט אַלע כּוחות,
און ס'האָט די אַלטע אויש אַ שפּרונג געטאָן.
דאָס קול איז אים געוואָרן שאַרף און שניידנדיק,
און קוקנדיק דעם ייִדן האַרט אין פּנים

גערעדט פֿאַרביסן: „דזשאָש" — האָט ער גערעדט —
„אַז ס'מיידל איז געקומען און געזאָגט
„אַז זי האָט זיך פֿאַרהייראַט מיט דיין זון
„האָב איך גאָר גלויבן ניט געקענט מיינע אויערן.
„מיין ברודערס טאָכטער — און דער ייִד? אַ פֿיינע פּאָר.
„ווען ס'וואָלט מיין ברודער האַוואַרד איצט געלעבט
„וואָלט עס מסתּמא ניט דערצו געקומען.
„איך גיי אַרום די לעצטע פּאָר מאָנאַטן דול
„איך שעם זיך אויפֿצוהייבן מיינע אויגן.
„דערוויס איך זיך, אַז דו ביסט גאָר פֿלאַם־פֿייער,
„אַרויסגעטריבן פֿון געשעפֿט דעם זון,
„און צו וועמען האָב טענות. נו, דערלעבט זיך צייטן"...
— „און איך, האָב גאָר יחוס ניט געזוכט" —
האָט שטיל און קיל דער ייִד אַרייַנגעשטעלט.
— „אַזוי ?" — האָט זיך דער שכן מער נאָך אָנגעצונדן —
„איך האָב אַפֿילו נישט געוואָלט דאָ קומען,
„קיין כּבֿוד האָב איך ניט פֿון דיר צו וואַרטן,
„נאָר מיר געפֿעלט, ווי דו, דזשאָש, ברעקלסט זיך,
„איך וואָלט גאָר, דזשאָש, געוואָלט דערגיין דעם סוד
„פֿון דיין געוואַלדיקן און גרויסן יחוס.
„צי שטעקט ס'אין דעם, וואָס דיינע אַלטע אָבֿות
„ווי האָבן נייַנצן הונדערט יאָר צוריק
„געקרייציקט דזשיזוסן ?"

דער ייִד האָט ניט געענטפֿערט:
ס'איז דער ציגאַר אין האַנט געוואָרן טויט,
האָט מיט דער צווייטער האַנט זיך צוגעדעקט
די מידע אויגן, ווי ער וואָלט געשלאָפֿן;
די אויפֿגערעגטע האַרבע שווערע רייד
זיי האָבן אים געשלאָגן ווי מיט שטיינער.
און ס'האָט זיין לייב געקוואַרטשעט זיך פֿון פּיין —
האָט ער פֿאַרלוירן און בעפּייניקט זיך געדריקט
אין טיפֿן גרויסן שטול און שטיל געשוויגן.

דער שכן האָט געוואַרט צו הערן ענטפֿער —
געריבן שוועבעלעך צו אָנצינדן די ליולקע,

But the matches broke
And he angrily put the pipe away.
When he could wait no longer
He began to talk again,
"Well, Josh,
Do you, at least, remember how you came here?
A beggar, a gypsy, tattered,
Who wandered down all the roads,
Thin, emaciated, with a load on your back.
And now you are fat, Josh, and smooth,
With houses and warehouses and money."
(Regards the house with pointed looks,
Spreads his hands, and storms anew:)
"Established yourself a bit, with silk and satin,
Silver and gold, with all good things.
Half of the city belongs to you already.
I would say that you, at least, should be appreciative.
Should be thankful for your good fortune.
But no. You're ungrateful and withdrawn.
My brother's daughter is not good enough for you.
What does it say in your Old Testament?
When Jeshurun waxed fat, he kicked."
The old woman sat the whole time,
Sat stiff and quiet and as if frozen,
But silent tears welled up
In her red eyes.
They ran down her pale face,
Coursing past her nose and lifeless lips,
And from the lips they fell onto her heart.
Throughout this time, she didn't move,
Didn't wipe her running eyes.
Didn't speak, didn't sob, didn't stir.
She just drenched herself with silent tears.
When the neighbor finally finished
Josh took his hand away from his face.
(His face was distorted with sorrow
And his eyes blazed angrily.)
He straightened himself in his chair, and said:
"Did you say everything that's on your chest, neighbor?
If you were not my daughter-in-law's uncle
I would not put up with your crudeness.
Out of respect for her I spared you.
You throw up to me my plight of long ago,
And to this day you don't approve of me.
No doubt, this is green-eyed jealousy.
Poverty, people say, is no shame.
And if now half the city belongs to me,
As you wish to have it, I struggled and worked
Long years for all of it.
But this isn't what I want to tell you:
You mentioned in passing before
The old sin of my ancient forefathers,
That they crucified your God. That
Was perhaps the first reason
Why I did not want your brother's daughter.
It's possible, years from now, that when
The heat of young passion will cool,
That he, my son, will hear the same
From the mouth of his own wife, his flesh and blood,
And that would be too horrible. But, furthermore,
You needn't worry about Jacob.
Jake will take care of himself.
Good night, neighbor."

נאָר ס'האָבן זיך די שוועבעלעך געבראָכן,
האָט ער מיט כּעס די ליולקע אָפּגעלייגט —
נאָר אַז ער האָט זיך ניט געקאָנט דערוואַרטן,
האָט ער גענומען רעדן פֿון דאָס ניי:
„נו, דזשאָש" — האָט ער געזאָגט — „אַ וועלט, אַ וועלט,
„געדיינקסט כאָטש ווי די ביסט אַהער געקומען?
„אַ בעטלער, אַ ציגיינער, אָפּגעריסן,
„וואָס האָט זיך אומגעשלעפּט איף אַלע וועגן
„צעדאַרט, צעקוואַרט, מיט משא אויף די פּלייצעס.
„איצט ביסטו פֿעט געוואָרן, דזשאָש, און גלאַט
„מיט הייזער און מיט ברייזער און מזומן —
(באַטראַכט דאָס הויז מיט שטעכעדיקע בליקן,
צעפֿירט די הענט, און האַגלט פֿון דאָס ניי:)
„אַביסל זיך פֿאַרפֿונדעוועט, מיט זייד און סאַמעט,
„מיט זילבער און מיט גאָלד, מיט אַלעם גוטן.
„אַ העלפֿט שטאָט געהערט דאָך שוין צו דיר.
„איך וואָלט געזאָגט כאָטש, אַז דו שאַצסט עס אָפּ.
„אַז דו ביסט דאַנקבאַר פֿאַר דיין גוטן מזל —
„איז ניין — דו ברעקלסט זיך און שליידערסט זיך,
„און דיר שטייט נאָך ניט אָן מיין ברודערס טאָכטער.
„ווי שטייט דאָרט אין דיין אַלטן טעסטאַמענט:
„אַז ס'ווערט ישורון פֿעט, איז בריקעט ער".

די אַלטע איז געזעסן דורך דער צייט,
געזעסן שטייף און שטיל און ווי פֿאַרשטאַרט,
נאָר פֿון די רויטע אויגן האָט געפֿלאָסן
מיט ווייסע שטומע שווייגנדיקע טרערן.
עס האָט געפֿלאָסן איבער בלאַסן פּנים,
אַרומגעקרייזט די נאָז און טויטע ליפּן,
און פֿון די ליפּן אויף איר האַרץ געפֿאַלן.
און זי האָט דורך דער צייט זיך ניט באַוועגט,
ניט אָפּגעווישט די רינעדיקע אויגן.
האָט ניט גערעדט, האָט ניט געשלוכצט, זיך ניט באַוועגט,
האָט בלויז באַגאָסן זיך מיט טויטע טרערן.
נאָר אַז דער שכן האָט צום סוף געענדיקט
האָט דזשאָש אַראָפּגענומען זיין האַנט פֿון פּנים —
(זיין פּנים איז געווען צעקרימט פֿאַר צער
און זיינע אויגן האָבן ביין געגליכטן)
זיך אויסגעגלייכט אין שטול, און האָט געזאָגט:
„האָסט אַלץ אַרויסגערעדט וואָס ס'דריקט דיך, שכן?
„ווען דו וואָלסט ניט געווען מיין שנורס אַן אָנקל
„וואָלט איך פֿון דיר דיין גראָבקייט ניט גענומען.
„דאָס האָב איך פֿון איר כּבֿוד וועגן דיך געשוינט.
„דו וואַרפֿסט מיר פֿאַר מיין עלנט פֿון אַמאָל,
„און האָסט פֿון מיר קיין נחת ניט אויך היינט —
„מסתּמא איז עס גרויס דיר אין די אויגן.
„נאָר אָרימקייט, זאָגט מען, איז ניט קיין שאַנד,
און אויב אַצינד געהערט אַ העלבע שטאָט צו מיר,
„ווי דו ווילסט האָבן — איז האָב איך אויף דעם
„געשוויצט און געאַרבעט יאָרן לאַנג.
„ניט דאָס אָבער וויל איך דאָ אויסברייגגען:
„האָסט פֿריער דאָ פֿאַרבייגייענד דערמאָנט
„דעם אַלטן חטא פֿון מיינע עלטער־אָבות,
„וואָס זיי האָבן דיין גאָט געקרייציקט — דאָס
„איז אפֿשר גאָר געווען די ערשטע סבה
„פֿאַרוואָס כ'האָב נישט געוואָלט דיין ברודערס טאָכטער.
„קען זיין, מיט יאָרן שפּעטער, אַז עס וועט
„דער פֿלאַם פֿון יונגן בלוט זיך אָפּקילן,
„וועט ער, מיין זון, דאָס אייגענע דערהערן
„פֿון מויל פֿון אייגן ווייב, זיין פֿלייש און בלוט,
„און דאָס וואָלט זיין צו שרעקלעך. ווייטער אָבער
„דאַרפֿסטו זיך וועגן דזשייקאָבן ניט זאָרגן:
„ער וועט שוין, דזשייק, אַליין באַשטיין זיין שטעטל.
„אַ גוטע נאַכט דיר, שכן".

# Seven

## A. Children

These are the names of the children
Of old Josh and Sarah, his wife:
Jacob, Lionel, Edwin and Willard—the sons,
Dorothy, Diana, and Ethel—the daughters.
Except for Jacob, the foreign born,
None of them needed
To be Americanized. They were born
Into the new world as citizens, proud, free,
And conducted themselves as such.

Lionel:

Lionel grew up a law abiding man,
Fat, sedate, peaceful.
He pushed through school with difficulty;
And his father put him to work
In the big red warehouse next to the old scale:
He stood there and supervised the weighing,
Making sure the balance did not tip
This way or that; he weighed rags,
Bales of wool, feathers, horsebones,
Rusty old gray iron,
And fresh hot bloody skins.
Lionel had a right to brag
Because he never made a mistake.
He stood by the scale
Until he grew into a young man
Slightly round shouldered
From so much bending and bowing towards the scale.
When Jacob, consulting no one,
Married Vivian,
Josh brought together
Lionel and Flossie, Hyman's girl.
The pair "courted" a little while.
And then had a large wedding
With much fanfare: the rich, stingy Hyman
Grunted, groaned, bargained,
But his devices didn't work.
He lavishly supplied a house
With furniture, carpets, and a piano.
At dawn, the day after the wedding,
Lionel came into the yard
And took up his usual place near the scale.

Edwin:

After Lionel, came the brother Edwin.
This Edwin was a youth in perpetual motion:
Handsome, bright, nervous and quick.
But there was something in his nature
Which prevented him from adapting himself
To anything useful. He was a devil,
He managed ball games spiritedly
And high-handedly; still a boy,
He carried on with lively Gentile girls
For nights on end. His father punished him,
His mother begged and cried,
But none of the arguments helped:
That mischief-maker was on fire, and that was that.
He became a compulsive gambler:
Gambled on cards, gambled on dice,
Gambled on horses in hot races.
When the horses left the city,
Edwin was not too lazy to follow
This splendid amusement wherever it occurred:
Louisville, Atlanta, New Orleans.
His mother called him "quicksilver,"
And his father called him worse.
Once, when Josh was not cautious enough,
Edwin took advantage of the opportunity
To lay his hands on a large sum of money.
No one saw him again.
Occasionally regards came
From green gambling tables
Or sunny, blossoming Florida, or
From distant San Francisco.
The last word they had of him
Was from white, snow-covered Alaska,
Where Edwin went, joining the stream of prospectors
To look for gold among the ice and snow.

זיבעטער קאַפּיטל

א

## קינדער

און דאָס זײַנען די נעמען פֿון די קינדער
פֿון אַלטן דזשאָש, און סערע, זײַן ווײַב:
דזשייקאָב, לײַאָנעל, עדווין און ווילאַרד — די זין,
דאָראָטי, דײַאַנאַ און עטעל — די טעכטער.
די אַלע, אויסער דזשייקאָבן דעם פֿרעמדגעבאָרענעם
זיי האָבן שוין אין גאַנצן נישט באַדאַרפֿט
זיך אויסגרינען; זיי זײַנען שוין געקומען
אין נײַער וועלט אַלס שטאָלצע פֿרײַע בירגער,
און ווי אַזעלכע האָבן זיי געווירקט:

לײַאָנעל:

איז אויסגעוואָקסן אַ געזעץ־ליבענדער מאַן,
אַ שווערער, אַ געלאַסענער, אַ רואיקער,
מיט שווערקייט אַדורכגעשטופּט די שול —
האָט אים דער טאַטע באַלד אָנגעשטעלט
אין גרויסן רויטן הויז בײַם אַלטן וואָג:
איז ער געשטאַנען און געהיט ס'געוויכט,
דאָס צינגל זאָל נישט ציען נישט אַהער
און נישט אַהין; האָט ער געוואויגן קאָדער,
און באַלן וואָל און פֿעדערן און פֿערדנביין
און זשאַווערדיקן אַלטן גרויען אײַזן,
און פֿרישע הייסע בלוטנדיקע פֿעלן.
דער לײַאָנעל האָט זיך געמאָגט באַרימען,
אַז ער האָט קיינמאָל נישט געמאַכט קיין טעות.
איז ער אַזוי געשטאַנען בײַ דער וואָג
ביז ער איז אויסגעוואָקסן אין אַ יונגן מאַן
מיט ברייטע עפּעס אײַנגעבויגענע פּלייצעס
פֿון פֿילן בויגן זיך און נייגן זיך צום וואָג.
דערנאָך, אַז דזשייקאָב האָט בײַ קיינעם ניט געפֿרעגט
און האָט אַליין פֿאַרשדכנט זיך מיט וויוויאַן —
איז דזשאָש געגאַנגען און צונויפֿגעפֿירט
דעם לײַאָנעל מיט פֿלאָסין, הײַמאַנס מיידל.
דאָס פּאָרל איז אַביסל „אויסגעגאַנגען",
דערנאָך האָט מען געמאַכט אַ גרויסע חתונה
מיט גרויס פֿאַראַד: דער רײַכער קאַרגער הײַמאַן
האָט געבעך שטאַרק געקרעכצט, געדונגען זיך,
נאָר ס'האָבן אים קיין קונצן ניט געהאָלפֿן:
האָט אויסגעשטאַט אַ הויז כּיד המלך
מיט מעבל און מיט טעפּיכער און מיט אַ פּיאַנאָ.
צו מאָרגנס נאָך דער חתונה באַגינען,
איז לײַאָנעל געקומען אויפֿן הויף
און זיך אָנגעשטעלט צוריק בײַם וואָג.

עדווין:

נאָך לײַאָנעלן קומט דער ברודער עדווין.
דער עדווין איז געווען אַ יונג אַ ברען:
אַ שיינער, אַ געראָטענער, נערוועז און פֿלינק.
נאָר עפּעס איז געלעגן אין נאַטור זײַנער
וואָס ער האָט ניט געקענט זיך צופּאַסן
צו עפּעס ניצליכעס. דאָס איז געווען אַ מזיק,
פֿלעגט אָנפֿירן דעם באָל־שפּיל פֿײַערדיק
מיט הויכער האַנט; אַ ייִנגל נאָך, און שוין
זיך אומגעפֿירט מיט לעבעדיקע שיקסלעך
דורך גאַנצע נעכט. דער טאַטע האָט געשטראָפֿט,
די מאַמע האָט געבעטן און געוויינט —
נאָר ס'האָבן אַלע טענות נישט געהאָלפֿן:
דער מזיק האָט געברענט אַ וועלט — דאָס גאַר.
ער איז געוואָרן אַ פֿאַרקאַכטער שפּילער:
געשפּילט אין קאָרטן, און געשפּילט אין ווערפֿלען,
געשפּילט אויף פֿערדלעך אין די קאָכעדיקע רייסעס,
און אַז די פֿערדלעך פֿלעגן אָפּפֿאָרן פֿון שטאָט
פֿלעגט עדווין זיך ניט פֿוילן נאָכפֿאָרן
וווּ נאָר דאָס גרויסע פֿײַנע שפּיל פֿלעגט אָנגיין,
נאָך לואיסוויל, אַטלאַנטאַ, ניו־אָרלינס.
האָט אים די מאַמע אָנגערופֿן: קוועקזילבער,
און ס'האָט דער אַלטער אים גערופֿן: נאָך ערגער..
ביז איינמאָל, ווען דזשאָש איז ניט פֿאָרזיכטיק געווען,
האָט עדווין זיך באַנוצט מיט דער געלעגנהייט
צו לייגן אויף אַ היבשער סומע געלט זײַן האַנט —
און מער האָט מען שוין עדווינען ניט אָנגעזען.
נאָר זעלטן ווען פֿלעגט צוקומען אַ גרוס,
אַ ווײַטער גרוס פֿון גרינע שפּיל־טישן
פֿון זוניקער פֿאַרבליטער פֿלאָרידאַ,
נאָך שפּעטער, פֿון דעם ווײַטן סאַן־פֿראַנציסקאָ.
דאָס לעצטע וואָס מען האָט פֿון אים געהערט
געקומען איז פֿון ווײַסער שנייאיקער אַלאַסקאַ,
וווּ עדווין האָט געלאָזט זיך מיטן שטראָם פֿון זוכער
צו זוכן גאָלד צווישן אײַז און שניי.

Willard:

This brother, Willard, did not like
The scrap business. Willard was
Withdrawn, quiet by nature.
He diligently went through school and high school,
And then his old father, Josh,
Allowed him to study in the large city.
Willard studied medicine
And came back home a doctor.
He was held in high esteem by the neighbors,
And they greeted him from a distance
With "Good morning, Doc!" Willingly
The sick came to him to be cured.
The neighbors had an expression:
"Just as the father is lucky,
So is the son."
Later, he brought home a wife from the distant city.
She lived apart from everyone,
Did not become too friendly with anyone,
As is fitting for a young doctor's wife.
Once she came into the junkyard.
The old man showed her around,
Trying to point out and explain things to her.
But she was squeamish, held a perfumed
Handkerchief tightly to her nose. They could
Never again entice her to set foot there.

Dorothy:

The oldest of the daughters: tall and slender,
A good student, like all daughters,
Read much and played the piano,
Possessed spirit and a quick mind,
Was the life of her circle.
When the incident with Jacob occurred,
The elder Josh sent her away
To a relative in Chicago:
Let the girl mingle with Jews there.
She married a man in Chicago,
And, according to the gossip in town,
Lived like a princess.
Several years later, Dorothy
Came back to her father's house
In black, in mourning, tall and slim,
Her face pale and transparent, like a Madonna's,
With blue rings around her deep eyes.
She brought with her little David,
With thin hands and feet
And a radiant expression in his large eyes.
The town talked, told stories
Of big speculations in the city,
And of a final bullet in the head.
But they were never able to verify it.
Dorothy loyally observed widowhood.
For years she did not touch the piano,
Became religious, and Friday nights
Her pair of candles burned opposite her mother's.
Into the house of old Josh
Came new books
Of Jewish history, and religion,
The poems of the gentle Emma Lazarus
And others. In the town, the talk was
That Dorothy wanted to be a rabbi:
She studied the holy language from the *Khumesh*.

Diana:

When Dorothy came back home,
Diana left:
She married a rich merchant
From a new, nearby community.
Her life was full, quiet, and peaceful
And each time that she came home
She had something new to show:
A diamond ring, a locket, or earrings.
Her fat face shone with well-being.
And she never tired of telling
About Herman's generosity and courtesy,
And how her Herman would
Risk his life for her.

Ethel:

Capricious like a small spoiled child,
With long, thin and nervous fingers,

ווילארד:

דעם ברודער ווילארד האָט שוין ניט געצויגן
צום ברוכוואַרג און צום האַנדל. ווילארד איז געווען
צוריקגעצויגן, שטיל פֿון דער נאַטור.
האָט פֿלייסיק דורכגעמאַכט די שול און הייכשול,
דערנאָך האָט אים דער אַלטער פֿאָטער דזשאָש
געלאָזט שטודירן אין דער גרויסער שטאָט.
האָט ווילארד אויסגעשטודירט מעדיצין
און איז צוריקגעקומען אין דער היים.
האָט ער געהאַט גרויס אָנזען ביי די שכנים,
זיי פֿלעגן שוין דעם „גוטן מאָרגן, דאָק!"
אים טראָגן פֿון דערווייטן. קראַנקע ווײַנען
צרין אים געקומען גערן זיך קורירן.
די שכנים האָבן זיך געהאַט אַ ווערטל:
„אַזוי ווי ס'איז דער פֿאָטער מזלדיק,
„אַזוי איז אויך דער זון". דערנאָך האָט ער
אַראָפּגעבראַכט פֿון ווייטער שטאָט אַ ווייב.
האָט זי געלעבט מיט אַלעמען פֿון ווייטן,
מיט קיינעם ניט געפֿריינדלט זיך צו שטאַרק,
ווי ס'פּאַסט זיך פֿאַר אַ יונגן דאָקטאָרס ווייב.
איינמאָל איז זי געקומען אויפֿן ברוכוואַרג:
האָט זי דער אַלטער אומגעפֿירט אין הויף,
געפּרופֿט איר ווייזן און דערקלערן זאַכן —
נאָר זי האָט זיך געקרימט, געהאַלטן פֿעסט צום נאָז
אַ פּאַרפֿומירטן טיכל. מער האָלט מען
דאָס ווייבל נישט געקאָנט אַהין פֿאַרנאַרן.

דאָראָטי:

די עלטסטע פֿון די טעכטער: הויך און שלאַנק,
האָט גוט געלערנט זיך, ווי אַלע טעכטער,
האָט פֿיל געלייענט און געשפּילט די פּיאַנאָ,
באַזעסן מוט און פֿלינקייט פֿון געדאַנק,
געווען די נשמה פֿון איר קרייז.
ווען ס'האָט מיט דזשייקאָבן געמאַכט זיך די געשיכטע
האָט זי דער אַלטער דזשאָש אַוועקגעשיקט
צו זיינעם אַ פֿאַרוואַנדטן אין שיקאַגאָ:
דאָס מיידל זאָל פֿאַרקערן דאָרט מיט יידן.
האָט זי געהייראַט אין שיקאַגאָ מיט אַ מאַן,
און ווי מען האָט דערציילט ביי אונדז אין שטאָט
האָט זיך געלעבט איר דאָרט ווי אַ פּרינצעסין.
מיט אייניקע יאָר שפּעטער, האָט זיך דאָראָטי
צוריקגעקערט צום טאַטן אינעם הויז
אין שוואַרצן און געדיכטן טרויער, הויך און שלאַנק,
דאָס פּנים בלאַס און דורכזיכטיק, ווי ביי מאַדאָנאַס,
מיט רינגען בלוי אַרום די טיפֿע אויגן.
געבראַכט האָט זי מיט זיך דעם קליינעם דייוויד,
מיט דינע און געשניצטע הענט און פֿיס
מיט שטראַלנדיקן בליק פֿון גרויסע אויגן.
אין שטאָט האָט מען גערעדט, דערציילט זיך מעשׂות
פֿון גרויסע ספּעקולאַציעס אין דעם גרויסן כּרך,
און פֿון דעם ענדלעכן געטרייען קויל אין קאָפּ —
נאָר קלאָר איז מען עס קיינמאָל ניט דערגאַנגען.
נאָר זי האָט אָפּגעהיט אַלמנהשאַפֿט געטריי,
פֿאַר יאָרן זיך נישט צוגערירט צום פּיאַנאָ;
געוואָרן רעליגיעז געשטימט, און פֿרייטיק־נאַכטס
פֿלעגט ברענען איר פּאָר ליכט אַנטקעגן מאַמעס.
עס האָבן אינעם הויז פֿון אַלטן דזשאָש
אַריינקומען גענומען נייע ביכער
פֿון יידישער געשיכטע, און רעליגיע —
די לידער פֿון דער צאַרטער עמאַ לאַזאַרוס,
און אַנדערע. אין שטאָט האָט מען גערעדט,
אַז דאָראָטין האָט זיך פֿאַרגלוסט צו זיין אַ רב:
זי לערנט לשון־קודש פֿון דעם חומש.

דייאַנאַ:

ווען דאָראָטי האָט זיך צוריקגעקערט אַהיים —
איז זי, דייאַנאַ, פֿון דער היים אַוועק:
האָט זיך פֿאַרהייראַט צו אַ רייכן סוחר
פֿון אַ דערנעבנדיקן נייעם ישוב.
האָט זיך געלעבט איר זאַט און שטיל און רואיק
און איטלעך מאָל ווען זי פֿלעגט קומען אין דער היים
האָט זי געהאַט וואָס נייעס צו באַווייזן:
אַ דימענט־רינג, אַ לאָקעטיר, צי אוירינגען.
דאָס פּנים האָט געגלאַנצירט פֿון פֿעטס און וואוילטיק,
און איז ניט מיד געוואָרן צו דערציילן
פֿון הערמאַנס גוטסקייט און זיין איידלקייט,
און ווי אַזוי איר הערמאַן וואָלט פֿאַר איר
דאָס לעבן איינגעשטעלט.

עטעל:

קאַפּריזנע, ווי אַ קליין פֿאַרצערטלט קינד,
מיט לאַנגע, דינע און נערוועזע פֿינגער,

She would dream her days away at the piano.
Once, when raw life touched her,
Her young being shut, closed
Like a sleeping flower closes
When oncoming night starts to fall.
In town there was talk of tragic love.
The household attended her
As one attends a delicate, sickly child,
Fulfilling her smallest wish, her least desire.
In the pink evening, she went for a drive
Outside of town, in a small carriage
Harnessed to a frisky pony.
When she came back home
Her whole young being was fragrant
With wild field flowers, dew, and summernight.
In her soft wandering glance
Flickered something strange and distant,
Incomprehensible and other worldly.
When Dorothy came home
Bringing her son, the little David,
Ethel awoke, as from a sleep.
The house rang with the sound
Of her melodious, lovely, strong young voice.
She never left the side of the child
And was like a mother to him.
Both sisters, tall and thin and shapely,
One in black, the other in white,
Attended the child like two mothers.

## B. Death

Meanwhile life continued
Like the old clock on the wall.
And everyone was occupied
With his own worries, experiences, dreams.
Young grandchildren were born,
And on a holiday
The house was full of sons and daughters,
Dressed up little boys and girls
With brown, blond, and black heads,
Sleepy heavy faces,
And happy impish faces.
Now, the old woman often did not know
Whose child was around her legs,
Or what his name was.
Old age weighed her down.
She distributed candy and cookies among them,
But seldom ran her hand
Over the soft hair of young heads.

She died as she lived:
Quiet, becalmed, without complaints.
Sons and daughters encircled her,
But in the last quiver of agony
She fixed her dismal look
On her husband, and turned away no more.
Long after she expired,
He was still under the burden
Of her heavy, dismal glassy look.

Later, the house filled with quiet,
Smells of death, yellow candles,
And heavy, overwhelming bouquets of flowers.
The old woman lay in the coffin
Dressed up in a full, black silk dress.
Under the thick black veil
Her gray hair looked like silver.
The yellow death candle was reflected
In the old, golden wedding ring
On her thin dead hand.
The whole city milled around the house:
The old gray neighbors who still
Remembered this Josh from other times,
The younger who traded with him
In the businesses and banks,
The sisters' friends and acquaintances,
The same old pastor with the mild face,
The busy harried Litvaks
With wives and children, who didn't know
What to do with their hats—
Whether or not to take them off.

פלעגט זי פֿארחלומען איר טאג בײם פּיאנא.
אז ס׳רויע לעבן האט זי אײנמאל אנגערירט
האט זיך איר יונגעס וועזן אײנגעשרומפּט
ווי ס׳שליסט זיך אײן די שלאפֿנדיקע בלום
ווען ס׳פֿאלט אויף איר די אנקומענדע נאכט.
אין שטאט האט מען גערעדט פֿון אומגליקלעכער ליבע.
דאס גאנצע הויז איז אומגעגאנגען ארום איר
ווי מען גײט אום א צערטלעך קרײנקלעך קינד:
דערפֿילט איר קלענסטן וואונטש, איר מינדסט באגער.
זי פֿלעגט ארויספֿארן אין ראזיקע פֿארנאכטן
שפּאצירן אויסער שטאט אין קערבל־וועגל
געשפּאנט צום טאנצנדיקן פּאני־פֿערדל.
און אז זי פֿלעגט צוריקקומען אהײם
פֿלעגט שמעקן פֿון דעם גאנצן יונגן וועזן
מיט ווילדע פֿעלד־בלומען און טוי און זומערנאכט.
און אינם פֿײכטן בלאנדזשעדיקן בליק
איז עפּעס אומבאשװאוטען פֿרעמדס און ווײטס
און אומפֿארשטענדלעכס. פֿון אן אנדער וועלט.
ווען דאראטי האט זיך צוריקגעקערט
און מיטגעבראכט איר זון, דעם קלײנעם דײוויד —
האט עטל ווי פֿון שלאף זיך אויפֿגעכאפּט:
ס׳האט אנגעהויבן קלינגען אינם הויז
מעלאדיש, שײן און שטארק איר יונגע שטים.
זי האט שוין מער פֿון קינד נישט אפּגעטראטן
און איז צו אים געווארן ווי א מאמע.
און בײדע שוועסטער, הויך און דין און שלאנק,
אין שווארצן טרויער די, אין ווײס די צווײטע,
די פֿלעגן אומגײן ווי צווײ מאמעס ארום קינד.

ב
## טויט

דאס לעבן איז דערווײל געגאנגען פֿאריס
ווי ס׳גײט דער אלטער זײגער אויפֿן וואנט.
און יעדער איז געווען מיט זיך פֿארנומען
מיט זײנע דאגות, איבערלעבונגען, חלומות.
עס האבן זיך געהויבן יונגע אײניקלעך —
און אין א יום־טובדיקן טאג פֿון רוּ
איז פֿול געווען דאס הויז מיט זין און טעכטער,
מיט אויסגעפּוצטע ייִנגלעך און מיט מײדלעך
מיט ברוינע און מיט בלאנדע און מיט שווארצע קעפּלעך
מיט אנגעכמורעטע און שווערע פּנימלעך,
מיט לוסטיקע און ממזרישע פּנימלעך.
די אלטע פֿלעגט שוין אפֿט אלײן נישט וויסן
ווער וועמעס קינד סע פּלאנטערט זיך ארום
צווישן אירע פֿיס, און וואס זײן נאמען איז.
דאס האט די עלטער זי גענומען בויגן:
די פֿלעגט זײ טײלן צוקערלעך און קיכלעך,
און זעלטן ווען א פֿיר טאן מיט דער האנט
אריבער ווײכן האר פֿון יונגע קעפּלעך.

זי איז געשטארבן ווי זי האט געלעבט:
א שטילע, א בארואיקטע, זיך נישט געקלאגט.
עס האבן זי ארומגערינגלט זין און טעכטער,
נאר אין דעם לעצטן ציטער פֿון איר גסיסה
האט זי איר טריבן בליק ארויקגעשטעלט
אויף אים, דעם מאן, און מער נישט אפּגעווענדט.
און לאנג נאכדעם ווי זי האט אויסגעהויכט איר אטעם
איז ער נאך אלץ געווען אונטער דער משא
פֿון שווערן טריבן און פֿארגלאזטן בליק.

דערנאך איז פֿול געווארן ס׳הויז מיט שטילקײט,
מיט ריחות פֿונם טויט און געלע ליכט,
און שווערע איבערפֿליסיקע בוקעטן־בלומען.
די אלטע איז געלעגן אין דעם ארון,
פֿארפּוצט אין שווארצן ברײטן זײדנקלײד:
פֿון אונטער דעם געדיכטן שווארצן שלײער
האט זיך דאס גרויע האר פֿון קאפּ געזילבערט,
און אויף דער געלער דינער טויטער האנט
האט זיך דאס געלבע טויטנליכט געשפּיגלט
אין גאלדענעם און אלטן חופּה־רינג.
די גאנצע שטאט האט זיך אין הויז געקערט:
די אלטע גרויע שכנים, וועלכע האבן נאך
געקענט דעם דזשאש פֿון יענע אלטע צײטן,
די אינגערע, וואס האבן שוין פֿארקערט
מיט אים אין די געשעפֿטן און די באנקן,
די שוועסטערס חברטעס און די באקאנטע,
דער אלטער פּאסטאר מיטן מילדן פּנים.
די אײלנדיקע און צעיאגטע ליטוואקעס
מיט ווײב און קינד, וואס האבן נישט געוואוסט
ווי צו באגײן זיך מיט די הײטלען זײערע:
ארונטערנעמען דאס היטל, אדער נײן?

Falling on top of the little mound
Which was now green and peaceful,
Covered with grass and wild field flowers,
He wanted to cry to their child
That she, the mother, had joined her.

But he could not speak.
As he lay upon the grave, his well
Of hot tears opened.
And he sobbed out loud
Like a small and helpless child.

## C. Evening Shadows

Over the mother's sick bed,
Father and son had made their peace.
From the first day, Josh had missed his son.
Yet, too proud to show his feelings,
He had remained silent. And so had his son.
But by the mother's bed, and later on at the funeral,
It was easy to say friendly words
Which came honestly from the heart:
The business needed young blood;
Strong competitors had sprung up;
And old Josh felt that it was
Too hard for him, that his strength was
Not up to carrying the heavy burden alone.
He knew very well that Lionel
Would not go far: although good at the scale,
He could not be depended upon for more.
One day, without mincing words,
He asked Jacob to come back to the place,
And Jacob didn't take long to decide.
He immediately accepted his father's proposition.
And on the sign near the large old house
"And Son" was added.

Life continued
On its daily, prescribed route.
Busy from early morning till late at night
With trade and merchandise and litigations,
Profits and losses, the old man
Now often found business hard
And tedious. He yearned
To withdraw from the whole thing
And to dream somewhere quietly.
He tried to remain in the house,
But the quiet of the house did not agree with him.
He once even searched out
Old *Reb Bakhye* from the dust,
But *Reb Bakhye* now left him cold:
It was not what he wanted. He returned to the place
And harnessed himself again to the yoke,
Even though he knew that it was unnecessary,
That Jacob could manage very well without him.
But to be superfluous in God's world
Was not his nature. So, again,
With heart and soul, he threw himself
Into his business and remained thus
Occupied, concerned. The only ones who
Now lightened his heavy gloom were
Vivian, his daughter-in-law,
His melancholy daughters at home,
And the fragile child David.

Vivian often came into the place
Bringing her little girl:
Slight, gentle, laughing,
Charming dimples in her face.
She carried a new fragrance into the place
Entrancing him with her fresh youth.
She kissed the old man on the forehead,
And childishly carefree, snuggled close to him.
He loved taking her around,
Showing her the place, and explaining things to her.
She listened earnestly to him,
Chattering childishly,
Something of her freshness remained
Long after she had left the place,
A bunch of fresh, blue-violet lilacs,
Or crisp wild roses at summer's end.

האָט ער אַ פֿאַל געטאָן צום קליינעם בערגל,
וואָס האָט געגרוט איצט אַזוי גרין און פֿרידלעך
באַדעקט מיט גראָז און ווילדע פֿעלד־בלומען.
ער האָט געוואָלט אַריינשרייען צום קינד
אַז זי, די מאַמע, איז צו איר געקומען —
נאָר ריידן האָט ער נישט געקאָנט — האָט ער
געבויגן זיך צום קבר, און דער קוואַל
פֿון הייסע טרערן האָט זיך איר געעפֿנט,
האָט ער געכליפּעט אויפֿן הויכן קול,
ווי ס'וויינט אַ קליין און אומבאַהאָלפֿן קינד.

ג

## אָוונט־שאָטנס

בײַם מוטערס קראַנקענבעט זײַנען דער פֿאָטער
און זון געוואָרן שלום. ס'האָט געבענקט האָט אים
געצויגן צום זון פֿון ערשטן טאָג —
צו שטאָלץ אָבער צו ווײַזן זײַן געפֿיל
האָט ער געשוויגן. ס'אײַגענע דער זון.
בײַם מוטערס בעט — דערנאָך בײַ דער לויה
איז לײַכט געווען צו ריידן גוטע רייד
וואָס זײַנען אמתדיק געקומען פֿונעם האַרצן.

ס'געשעפֿט האָט שוין געפֿאָדערט יונגעס בלוט;
ס'איז אויסגעוואַקסן שטאַרקע קאָנקורענץ,
און ס'האָט דער אַלטער דזשאָש געשפּירט, אַז ס'איז
צו שווער פֿאַר אים, און ניט פֿאַר זײַנע כּוחות
אַליין, אויף זיך, די משׂא אויסצוטראָגן.
מיט ליאָנעלן האָט ער גוט געוואוסט,
אַז ווײַט וועט ער ניט גיין; איז גוט צום וואָג,
און ווײַטער איז ניטאָ זיך צו פֿאַרלאָזן.
האָט ער אײן טאָג, אָן ווײַטיקע הקדמות,
געבעטן דזשייקאָבן צוריקקומען אין פּלאַץ.
און דזשייקאָב האָט זיך אויך נישט לאַנג געקנייטשט,
און אָנגענומען באַלד דעם טאַטנס פֿאָרשלאָג.
און אויפֿן שילד פֿון אַלטן גרויסן הויז
איז צוגעקומען נאָך איין וואָרט: „און זון".

דאָס לעבן האָט גענומען ווידער גיין
זײַן אָנגעצייכנטן טאָגטעגלעכן מאַרשרוט.
פֿאַרנומען פֿון דער פֿרי ביז שפּעט אין נאַכט
מיט האַנדל און מיט סחורה און מיט לאָדעניש,
פֿאַרדינסטן און פֿאַרלוסטן — און דעם אַלטן
איז אָפֿטמאָל שוין די זאַך געפֿאַלן שווער,
און איבערדריסיק. ער האָט שטיל געגאַרט
צוריק זיך ציִען פֿון דער גאַנצער משׂא,
און חלומען וואו ערגעץ שטילערהייט —
ער האָט געפּרוּווט צו אויסבלײַבן אין דער היים,
נאָר ס'איז די רו פֿון היים נישט אײַנגעגאַנגען.
ער האָט אַפֿילו אײנמאָל אויסגעזוכט
דעם אַלטן רב בחיי פֿון זײַן שטויב —
נאָר רב בחיי האָט אים שוין געלאָזן קאַלט:
נישט דאָס. האָט ער זיך אומגעקערט צום פּלאַץ
און האָט זיך אײַנגעשפּאַנט צוריק אין יאָך,
הגם ער האָט געוואוסט, אַז ס'איז נישט נייטיק,
אַז דזשייקאָב וועט גאַנץ גוט באַגיין זיך אָן אים.
נאָר זײַן אָן איבעריקער אויף גאָטס וועלט,
איז נישט געווען אין זײַן נאַטור. האָט ער
זיך ווידער מיטן לײַב און זעל אַרײַנגעטאָן
אין זײַן געשעפֿט — און איז אַזוי פֿאַרבליבן
פֿאַרטאָן, פֿאַרדאגהט. נאָר איין אײנציק שטראַל
האָט איצט באַלויכטן אים זײַן שווערן אומעט:
דאָס איז געווען וויוויאַן זײַן שנור,
די אומעטיקע טעכטער אין דער היים,
און דער פֿאַרצערטעלטער, דער קליינער דייוויד.

די וויוויאַן פֿלעגט אָפֿט אַראָפּקומען אין פּלאַץ
און מיטפֿירן מיט זיך איר קליינע טאָכטער:
אַ הויכע און אַ שלאַנקע און אַ צערטלעכע,
מיט לאַכעדיקע חן־גריבלעך אין פּנים.
פֿלעגט זי אַרײַנטראָגן אַ נײַעם דופֿט אין פּלאַץ
און אים באַשטראַלן מיט איר פֿרישער יוגנט.
זי פֿלעגט דעם אַלטן קושן אויפֿן שטערן,
און זאָרגלאָז־קינדעריש גלעטן זיך צו'ן אים.
ער האָט געליבט זי אומפֿירן אין פּלאַץ,
באַווײַזן איר און אויסדערציילן זאַכן —
און זי פֿלעגט ערנסט צוהערן צו'ן אים,
און פּלוידערן און ריידן ווי אַ קינד
און נאָכדעם ווי זי פֿלעגט פֿון פּלאַץ אַוועקגיין,
פֿלעגט לאַנג נאָך בלײַבן עפּעס פֿון איר פֿרישקייט:
אַ בינטל פֿרישן בלוי פֿיאָלעטן ליילאַקס,
צי שטײַפֿע ווילדע רויזן אין סוף זומער.

Although Josh's day was then drawing towards a close,
There was still strength in his loins,
His eye was still sharp, flashing,
And sometimes a cheerful little flame
Would glow in them. But evening shadows
Engulfed his heart.
Later, when the old woman's grave was
Overgrown with tall grass,
He would, on sunny free days,
Come to visit her. The field was
Bright and inviting;
Crosses and tombstones sparkled,
Shimmering peacefully in the hot sun.
The stillness was so large and deep,
That the very silence spoke,
With quiet joy it seeped into the weary heart.
One half of the old woman's headstone
Was already written upon, engraved
With golden letters; the other half,
Smooth, shining, and polished,
Reflecting the mixed colors
Of grass and trees, sunlight and shadows,
Waited for that unknown day
When the gravestone scribe would come
To engrave a new name into the stone.
It was peculiarly endearing and sad
At the same time: to know certainly and surely
That further than here one cannot go,
That here, just here, under this mound, is
The end of every beginning, the end of all ends.

## D. Life

Youth lived its full life:
Days became weeks,
Months were linked into years;
And day, and week, and month were full
Of secret promises for the future.
Each year brought something new,
A new expectation, a new joy,
In the first flutter within a mother's body,
In the first helpless cry of the child,
In the first sweet, innocent smile,
And in the first steps
Of little babies.

At first the years
Were hard and lean. There was need in the house
And Jake could not adapt himself to anything.
It was hard for him, with his nature,
To work for someone else.
But need breaks iron. Later, with time,
He somehow became reconciled
And made peace with his lot.
Vivian intuitively understood
How to make the poverty pleasant,
How to light up every corner.
The small house was full
Of the warmth of young love.
Sometimes the girls, Jacob's sisters,
Came to visit and the house
Echoed fresh joyfulness
And young hearty laughter.
When the first child arrived
The house filled with new happiness,
Childish cries, satisfied noises,
And the young mother's voice
That lulled the baby to sleep.
In the summer the small house greened
Among trees one hundred years old,
Smelled of wild field flowers and lilacs
In early spring. Later, wild fragrant
June roses blossomed,
Climbed up the walls over the veranda
And onto the old roof. Sunflowers
On thick green stalks bloomed brightly,
Shaking heads of yellow flowers,
And revealing thick black rows
Of ripening seeds. In winter
Every fireplace in the house burned.
The large, broad field covered with snow
And trees covered with dull silver
Could be seen from the small window.

זיין טאָג האָט דאַן גענייגט זיך שוין צום אָוונט;
ס'איז נאָך געווען קראַפֿט אין זיינע לענדן,
זיין אויג איז נאָך געווען שאַרף און בליציק,
און ס'פֿלעגט צומאָל אַ לוסטיק פֿײַערל
אין זיי זיך צינדן. נאָר די אָוונט שאָטנס
זיי האָבן שוין אַרומגעכאַפּט זיין האַרץ.
נאָך שפּעטער, אַז דער אַלטערס קבר האָט גענומען
באַוואַקסן ווערן מיט אַ טיפֿן גראָז —
פֿלעגט ער אין זוניקע און פֿרייע טעג
איר קומען צו באַזוך; עס האָט זיך העל
און פֿריידלעך־זוניק זיך געשפּילט דאָס פֿעלד.
עס האָבן צלמים און מצבות העל געגלאַנצט,
געגלימערט פֿרידלעך אין דער הייסער זון.
און ס'איז די שטילקייט גרויס געווען און טיף,
אַזוי אַז ס'האָט די שטילקייט אַליין גערעדט,
געטריפֿט מיט שטילער פֿרייד אין מידן האַרצן.
אין האַלבער שטיין פֿון אַלטער ביים צוקאָפּנס
איז שוין געווען פֿאַרשריבן, אויסגעהאַקט
מיט אותיות גאָלדענע; די צווייטע העלפֿט
איז גלאַט געווען און גלאַנציק און פּאָלירט,
און פֿריילעך זיך געביטן מיט קאָליר
פֿון גראָז און ביים און זונען־ליכט און שאָטן,
און האָט געוואַרט אויף יענעם אומבאַוואוסטן טאָג
ווען ס'וועלן די מצבה קריצער קומען
און אויסהאַקן אין שטיין אַ נייעם נאָמען.
און ס'איז געווען מאָדנע ליב און טרויעריק
צו גלייכער צייט, צו וויסן זיכער און באַשטימט,
אַז ווייטער פֿון דעם קען מען ניט אַוועקגיין,
אַז דאָ, פּונקט דאָ, אונטערן בערגל, איז:
די ענד פֿון יעדן אָנהייב, סוף פֿון אַלע סופֿן.

## ד לעבן

די יוגנט האָט געלעבט איר פֿולן לעבן;
עס האָבן זיך געביטן טעג און וואָכן,
מאָנאַטן האָבן זיך געקייטלט אין די יאָרן;
און טאָג און וואָך און מאָנאַט זיינען געווען פֿול
מיט סודותדיקע צוזאָגן אויף שפּעטער;
און איטלעך יאָר האָט מיטגעבראַכט אַ נייעס,
אַ ניי דערוואַרטונג און אַ נייע פֿרייד,
אין ערשטן ציטער פֿון דער מוטערס לייב,
אין ערשטן אומבאַהאָלפֿענעם געשריי פֿון קינד,
אין ערשטן אומשולדיקן זיסן שמייכל,
און אין דעם ערשטן שטעל זיך אויף די פֿיס
פֿון יונגע עופֿהלעך.

צוערשט זיינען אַוועק
די יאָרן שלעכט און מאָגער. ס'האָט געפֿעלט אין הויז
און דזשייק האָט נישט געקאָנט זיך צופּאַסן צו עפּעס;
ס'איז שווער געווען פֿאַר אים, מיט זיין נאַטור,
זיך צופּאַסן אין אַרבעט פֿאַר אַ צווייטן.
נאָר נויט ברעכט אייזן. שפּעטער מיט דער צייט
האָט ער זיך ווי ניט איז צו דעם געוואוינט
און האָט געשלאָסן שלום מיט זיין צושטאַנד.
נאָר וויוויאַן האָט מיט איר חוש פֿאַרשטאַנען
ווי נאָך די אָרעמקייט צו מאַכן ליב,
ווי צו פֿאַרשיינען איטלעך ווינקל פֿונם הויז.
און ס'איז דאָס קליינע הויז געווען פֿול
מיט וואַרעמקייט פֿון יוגנטלעכער ליבע.
אַמאָל פֿלעגן די מיידלעך, דזשייקאָבס שוועסטער,
זיי קומען צו באַזוך און ס'פֿלעגט דאָס הויז
פֿאַרקלונגען ווערן פֿון דער פֿרישער פֿריילעכקייט,
פֿון יונגן שטראָם פֿון האַרציקן געלעכטער.
אַז ס'ערשטע קינד איז איננם הויז געקומען —
איז פֿול געוואָרן ס'הויז מיט נייעם גליק,
מיט קינדערשן געוויין און זאַטן ברומען,
און מיטן יונגן מוטערלעכן קול
וואָס פֿלעגט דאָס קינד פֿאַרשלעפֿערן אין רו.
אין זומער האָט דאָס קליינע הויז געגרינט
צווישן אַלטע ביימער, הונדערטיעריקע,
געשמעקט מיט ווילדע פֿעלד־בלומען און ליילאַקס
אין פֿריען פֿרילינג. שפּעטער האָבן זיך צעבליט
די ווילדע שמעקעדיקע יוני־רויזן,
געקלעטערט אויף די ווענט, אויף דער וועראַנדע,
און ביז צום אַלטן דאַך אַרויף. די זון בלומען
אויף גראָבע גרינע שטאַקן האָבן העל געבליט,
געטרייסלט פֿון די קעפּ די געלע בליאונג,
און אָפּגעדעקט געדיכטע שוואַרצע רייען
פֿון צייטיק־ווערנדיקע קערנער. ווינטער
האָט יעדער אויוון איננם הויז געברענט
און דורך די קליינע פֿענצטער האָט געשטרעקט זיך
דאָס גרויסע ברייטע פֿעלד פֿאַרדעקט מיט שניי,
מיט ביימער בליענדע אין מאַטן זילבער.

At night, it was lovely to hear
The sad sound of the branches,
And the night howl of the wind.
Inside, the house was warm and cozy.
The infant gurgled and bubbled
Happily, in warmth and plenty,
In its crib in the corner.

Vivian who was religiously inclined
Went to church
Every Sunday and returned inspired.
With large, moist, gleaming eyes
She would quickly repeat to Jake
The pastor's new sermon,
And some sentiment which moved her.
She often reproached him: Why
Was he so indifferent to faith?
How can one live without God?
Later on, she somehow obtained
Two old brass candlesticks, and on Fridays
When Jacob came back home,
He would find two candles burning,
Fresh *hallahs* and red wine.
She would dress herself in white
And the feeling of Sabbath was in the house.
She implored him to teach her
The blessing for the lighting of the candles,
But Jacob had to confess
That he had never known it.
She became more endearing than ever to him.

Afterwards, when Jacob returned
To his old father, prosperous
Years came, not extravagant,
Modest, but there was plenty in the house,
And his head was free from worry.
Vivian, drawing closer to the old man,
Became like a daughter to him.
Often the father joked
That she, Vivian, was more Jewish
Than his daughters, that Jewishness attracted her.
True, she never missed a Sunday
At church, and made sure that the child
Went to the old pastor for Sunday school,
But Friday night she lit candles.
And on *Rosh Hashana* and *Yom Kippur* she came
To the synagogue together with old Josh,
Her husband, and her young child.
The Litvaks were astonished,
And quietly whispered to each other.
It was hard to understand such a thing.
Finally Jacob got sick of it
And started to plan a temple,
A temple with an organ and a rabbi.
The Germans immediately joined in,
And old Josh was caught up in it.
The congregation split;
The temple was built.
Every Friday, at sundown,
The organ pealed its zealous celebration,
And the choir of young girlish voices
Rang out from the high, lighted niche,
And out on the distant street
Came the incantation: *Shma-Yisroel*!

## Eight

### A. Years Later

When David grew up and became a man
His grandfather Josh, already old,
Was growing in the other direction,
Small, quiet, shrunken,
His face wrinkled and yellow,
His eyes cloudy, lifeless and cold,
The hair on his head and beard yellowed from age.
The Negro in a limousine
Drove him daily, morning and evening,
To and from the place.
It was sad, pitiful,
To see the shriveled old man
Nestling quietly, lost
In the deep seat of the large limousine.

ס'איז ליב געווען צו הערן אין די נעכט
דאָס אומעטיקע קלינגען פֿון די צווייגן,
און דעם ביינאַכטיקן געשריי פֿון ווינט
ווען אינעם הויז איז ליב געווען און וואַרעם.
און פֿונעם ווינקל, פֿון דער וויכער וויג
האָט אַ צופֿרידענע, אין וואַרעמקייט און זעט,
דאָס קליינע עופֿהלע געפּלאָפּלט און געגערדט.

זי איז געווען רעליגיעז געשטימט,
און יעדן זונטיק פֿרי פֿלעגט זי אַוועק
אין קירך אַריין — און קומענדיק צוריק
מיט פֿייכטע גרויסע גלאַנצנדיקע אויגן
פֿלעגט זי אים איבערגעבן שנעל, באַגייסטערט,
דעם פּאַסטאָרס פֿרישע רעדע אין דער קירך,
און ווי זי איז גערירט געווען פֿון אַ געדאַנק.
זי פֿלעגט אים מוסרן גאַנץ אָפֿט, למאַי
ער איז צום גלויבן אַזוי גלייכגילטיק;
ווי קען אַ מענטש דען לעבן אָן אַ גאָט?
נאָך שפּעטער האָט זי ערגעץ־וואו געקראָגן
צוויי אַלטע לייכטער מעשענע, און פֿרייטיק
ווען דזשייקאָב פֿלעגט צוריקקומען אַהיים,
פֿלעגט ער געפֿינען ברענענדיקע צוויי ליכט,
מיט פֿרישע חלות און מיט רויטן ווײַן.
אַליין פֿלעגט זי אָרומגיין אָנגעטאָן אין ווײַס
און ס'האָט דער שבת זיך געשפּירט אין הויז.
זי האָט געבעטן, אַז ער זאָל זי אויסלערנען
די ברכות וואָס מען זאָגט ביים צינדן ליכט —
נאָר דזשייקאָב האָט געמוזט זיך מודה זיין,
אַז ער האָט קיינמאָל נישט געוואוסט. זינט דאַן
איז זי אים ליבער נאָך געווען ווי פֿריער.

דערנאָך, אַז דזשייקאָב איז צוריקגעגאַנגען
צום אַלטן פֿאָטער — זיינען אָנגעקומען
די זאַטע יאָרן. נים פֿאַרשווענדעריש,
צוריקגעהאַלטן, אָבער פֿול דאָס הויז.
און ס'איז דער קאָפּ געווען פֿריי פֿון זאָרגן.
די וויוויאַן האָט זיך געגלעט צום אַלטן,
און איז צו־ן אים געוואָרן ווי אַ טאָכטער.
און אָפֿטמאָל פֿלעגט דער אַלטער וויצלען זיך,
אַז זי, די וויוויאַן, איז מערער יידיש קינד
פֿון זיינע טעכטער, אַז איר ציט צו יידישקייט.
זי פֿלעגט טאַקע קיין זונטיק נים פֿאַרפֿעלן
צו גיין אין קירך, האָט אָפּגעהיט דאָס קינד
זאָל זונטיק גיין אין שול צום אַלטן פּאַסטאָר —
נאָר פֿרייטיק־נאָכטס האָט זי געצונדן ליכט.
און ראש השנה און יום כפור פֿלעגט זי קומען
צוזאַמען מיטן אַלטן דזשאָש און מאַן
און יונגן קינד אין סינאַגאָג אַריין.
און ס'האָבן זיך די ליטוואַקעס געחדושט.
מען האָט זיך שטיל געסודעט אויפֿן אויער —
ס'איז שווער געווען אַזינס נאָך צו באַנעמען.
ביז ס'האָט אים, דזשייקאָבן, די זאַך דערעסן,
און האָט גענומען פּלאַנעווען: אַ טעמפּל —
אַ טעמפּל, מיט אַן אָרגל, מיט אַ ראַביי.
די דייטשן האָבן באַלד זיך אָפּגערופֿן,
דער אַלטער דזשאָש איז מיטגעשלעפּט געוואָרן,
און ס'האָט זיך די געמיינדע דאַן צעשפּאָלטן.
עס האָט זיך אויפֿגעשטעלט אַ נייער טעמפּל,
און יעדן פֿרייטיק מיטן זון־פֿאַרגאַנג
האָט ערנסט פֿייערלעך געברומט דער אָרגל,
און ס'האָט דער כאָר פֿון יונגע מיידל־קולכלעך
געפֿלאָסן אין באַלויכטענעם און הויכן חלל
און ביז אין פֿרייער ווייטער גאַס אַרויס
דער פֿייערלעכער שפּרוך: שמע־יִיס־ראָ־על!

## אַכטער קאַפּיטל

### א

### יאָרן שפּעטער

אַז דייוו איז אויסגעוואַקסן און געוואָרן גרויס,
איז שוין דער זיידע דזשאָש געווען אַלט,
איז שוין דער אַלטער דזשאָש געוואַקסן אויף צוריק.
איז קליין געוואָרן, שטיל און איינגעשרומפּן,
געקנייטשט און געל איז שוין געווען זיין פּנים.
די אויגן טונקע, לעבלאָזע און קאַלטע,
דאָס האָר פֿון קאָפּ און באָרד פֿאַרגעלט פֿון אַלטקייט.
דער נעגער אין דעם גוטן לימוזין
פֿלעגט טעגלעך, אין די מאָרגנס און די אָוונטס,
דעם אַלטן ברענגען און אָוועקפֿירן פֿון פּלאַץ.
און ס'איז געווען אַ צער און אַ רחמנות
צו זען דעם קליינעם איינגעשרומפּטן אַלטן,
זיך טוליענדיק, אַ שטילער, אַ פֿאַרלוירענער,
אין טיפֿן זיץ פֿון גרויסן לימוזין.

## C. David

The gentle little boy with the brown eyes
And fine head of curly chestnut hair
Did not grow up effeminate
Despite the soft, warm wings
Of two mothers who loved him.
They worried about him,
Demanded complete obedience from him,
Did not allow him to take a step without their knowledge.
Yet, in spite of that, the young boy
Slipped out from under their hands,
Getting lost for a day, coming
Home late. When the mothers,
Frightened and weeping,
Fell upon the child with punishment and tenderness,
He put them off with laughter.
Proud and free, with a sense of independence,
He told them where he was,
What he saw, and what he thought.
Sometimes, he would disappear beyond the city
In the open fields and woods, and come back
Dirty, scratched, torn
By brambles, white cobwebs
Twisted in his brown curls.
For the most part he was attracted to people
In the city's crowded streets.
He was an unusual being_
Who, with all his fine senses,
Smelled the air, and felt as if intoxicated
By even the gentlest breeze. Instinctively
He felt the pain and suffering of the weak,
And the helplessness of the injured.
One day he returned from the street,
His face convulsed with pain.
His brown eyes were large,
And burning feverishly with anger.
It was hard at first to find out
What had happened to him. But later,
When he somehow regained his composure,
The whole household was able to picture the market,
The tavern at the corner, the drunken Negro
Who accidentally brushed against a white man,
The murderous face of the white man,
With his raised bottle of whiskey in the air.
The sound of glass rang in their ears,
And before their eyes stood the Negro
Propping himself up against a wall, then slowly
Collapsing onto the sidewalk. They saw
The black face blue with suffering and pain,
Rivulets of blood mixing with
Rivulets of whiskey, nearby
His old hat, broken,
Stepped on and spat upon by the white.
His large eyes suddenly sobered
With the agony of a persecuted dog.
Everyone clearly heard the painful cry
From the Negro's blue lips: "Jesus, Jesus."
David's mother shook as if in fever,
His aunt Ethel put her hands to her heart,
And both, with one voice, cried out
That it was dangerous for the young boy
To be exposed to
The harmful, poisonous street.
Old Josh, however, who was younger
Then, and understood things,
Interceded for the youth,
Arguing that the evil of the street
Would not stick to the boy.
On the contrary, he thought that raw life
Would have a strengthening influence
On the delicate nature of the boy.
Knowing the difference between good and evil,
He would be able to look at life
With thoughtful independent eyes.

ג

## דייוויד

דאָס צערטלעך ייִנגל מיט די ברוינע אויגן
מיט דעם גלאַטקן פֿײַנעם קאָפּ קאַשטאַנען־האָר —
האָט ניט געלאָזן זיך פֿאַרווייבערן
אונטער די וואַרעמע און ווייכע פֿליגל
פֿון זײַנע צוויי אין אים פֿאַרליבטע מאַמעס.
די מאַמעס האָבן זיך פֿון דעם געערגערט,
געפֿאָדערט פֿון אים פֿול געהאָרכזאַמקייט,
אַ טריט ניט שטעלן אָן דעם וויסן זייערן —
און ווי אויף צו להכעיס, פֿלעגט דאָס ייִנגל
זיך אויסגליטשן פֿון אונטער זייערע הענט,
פֿאַרפֿאַלן ווערן אויף אַ טאָג, און שפּעט
צוריקקומען אַהיים. און ווען די מאַמעס
צעשראָקענע און וויינענדיקע פֿלעגן
דאָס קינד מיט שטראָף און צערטלעכקייט באַפֿאַלן —
פֿלעגט ער זיך מיט געלעכטער אָפּווערן.
און שטאָלץ און פֿרײַ מיט זעלבסטשטענדיקן ווערט
דערציילן ווי וואו ער איז אַרומגעווען,
און וואָס ער האָט געזען, און וואָס ער טראַכט.
אַמאָל פֿלעגט ער פֿאַרשווינדן אויסן שטאָט
אין פֿרײַען פֿעלד און וואַלד, צוריקקומען
אָן אויסגעשמירטער, אַ צעקראַצטער, אַ צעריסענער
פֿון צווײַג און דאָרן, מיטן ווײַסן שפּינוועבס
אַרײַנגעפֿלאָכטן אין די ברוינע לאָקן —
נאָר מער האָט אים געצויגן צווישן מענטשן,
אין די געדיכטע גאַסן פֿון דער שטאָט.
עס איז געווען אַן אויסטערלישע פֿלאַנץ
וואָס האָט מיט אַלע אירע פֿײַנע חושים
געשמעקט די לופֿט, און ביז פֿאַרגעסנקייט זיך אָנגעשמעקט
מיט אײַלעך מינדסטן ווינטל. אינסטינקטיוו
געשפּירט דעם ווייטאָג און דעם פּײַן פֿון שוואַכן,
און הילפֿלאָזיקן אָנמאַכט פֿון באַליידיקטן.
איין טאָג האָט ער זיך אומגעקערט צוריק פֿון גאַס,
און ס'האָט זײַן פּנים קאָנוואַלסירט פֿון פּײַן,
די ברוינע אויגן זײַנען ברייט געווען,
און פֿיבערדיק געברענט מיט בייזן גלאַנץ.
ס'איז שווער געווען צוערשט דערגיין פֿון ייִנגל
וואָס האָט מיט אים פּאַסירט. נאָר שפּעטער,
אַז ער איז ווי עס איז צו זיך געקומען —
האָט ס'גאַנצע הויז פֿאַר זיך דערזען דעם מאַרק,
דעם שענק דאָרט אויפֿן ראָג, דעם שכּורלעכן נעגער,
וואָס האָט זיך אומגערן פֿאַרשטופּט מיטן ווײַסן,
דאָס מערדערלעכע פּנים פֿונעם ווײַסן
מיט דער פֿאַרהויבענער פֿלאַש בראָנפֿן אין דער לופֿט;
עס האָט געבראָזגעט אין די אויערן דאָס גלאָז,
און פֿאַר די אויגן איז געשטאַנען קלאָר דער נעגער
וואָס האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן וואַנט, און ביסלעכווײַז
אַראָפּגעלאָזט זיך אויפֿן טראָטואַר.
דאָס שוואַרצע פּנים בלוי פֿון פּײַן און ווייטאָג,
מיט ריטשקעלעך פֿון בלוט, וואָס מישן זיך
מיט ריטשקעלעך פֿון בראָנפֿן. לעבן אים
דער אַלטער האַרטער קאַפּעליוש, צעבראָכן,
צעטראָטן און באַשפּיגן פֿונעם ווײַסן.
די גרויסע אויגן פּלוצים אויסגעניכטערט
מיט די יסורים פֿון פֿאַרפֿאָלגטן הונט —
און אַלע האָבן קלאָר געהערט דעם וויי־געשריי
פֿון נעגערס בלויע ליפּן: „דזשיזוס, דזשיזוס".
דער מאַמען האָט געוואָרפֿן ווי אין פֿיבער.
דער טאַנטע עטל האָט פֿאַרכאַפּט בײַם האַרצן —
און בײדע האָבן אין איין קול געשריגן,
אַז ס'איז געפֿערלעך פֿאַרן יונגן קינד
זיך צו געפֿינען אונטער דער השפּעה
פֿון שעדלעכער און גיפֿטנדיקער גאַס.
דער אַלטער דזשאָש אָבער, וואָס איז נאָך דאַן
געווען ייִנגער, און באַגריפֿן זאַכן,
ער האָט זיך פֿאַרן ייִנגל אײַנגעשטעלט;
ער האָט געטענהט, אַז דאָס שלעכטס פֿון גאַס
וועט זיך ניט אָנקלעפּן צום יונגן ייִנגל.
פֿאַרקערט, ער מיינט גאָר, אַז דאָס רויע לעבן
וועט אויף דער איידעלער נאַטור פֿון ייִנגל
אַן אַנדער ווירקונג, אַ פֿאַרקערטע, אויסאיבן;
וועט וויסן אָפּצוטיילן שלעכטס פֿון גוטס,
און וועט אים לערנען קוקן אויפֿן לעבן
מיט ניכטערע און זעלבסטשטענדיקע אויגן.

און אײן איז געווען גערעכט דער אַלטער:
דאָס ייִנגל איז געוואַקסן פֿרײַ און שטאָלץ,
האָט מיט זײַן חוש געוואוסט ווי אָפּצוטיילן
די פּסולת פֿונעם קערן. אײַנגעבוירן שטאָלץ
האָט ניט דערלאָזן אים צו זײַן געמיין
און נידעריק אין האַנדלונגען. די שלעכטס פֿונעם הויז

Subconsciously, that he wanted
To revive his own strength with earth.
Could it be that it came from the simplicity
Of a proud, refreshing, energetic nature
Which set the young man against
Following in the footsteps of his fathers and grandfathers.
Or did the great thinkers
Exercise an influence over him
Which prevented his from adapting
To the easy, familiar life-styles?
Whatever, the youth succeeded.
Uncle Jacob said that they
Might have expected that from him.
He always knew that some crazy idea
Would come into the dreamer's head.
Only Vivian, and later, too, old Josh
Were steadfast as steel and iron.
When the old man wrote out a check
For the price of a good farm
He wrote it almost with pleasure.
He groaned, his hand trembled, he blew on the check.
But in his old lifeless eyes
Something shimmered, as though through tears.
The odor of earth intoxicated him,
He slapped his grandson on the back,
Winked to him with a sly smile,
Rubbed his hands with excitement:
"Oh, what good apples we'll eat."

But the good apples were a long time in coming.
They first had to endure times
Of pox and measles. It took
The strong spirited nature of the youth
To live through everything. During this time
He isolated himself from the world,
And had not time to look into a book.
He was busy with cows, chickens, and
With nursing the tobacco and the corn.
When the mothers complained
That Lizzy, Molly, or Reddy
(David's holsteins) were dearer to him than they were,
The son smiled, openly—unrestrained—
With flashing teeth and excited eyes.
When they got lonely and wanted to see him,
They had to search him out on the farm.
They came unexpectedly in the limousine,
Visited a bit, cleaned the house,
And brought a table full of goodies.
At first the women complained
And worried about his fine, tender hands
Which became hard, raw, red,
And prickly as a grater.
But later, looking at him closely,
And seeing how manly the youth became,
How power and energy seemed to sprout
From the elastic, muscular, tanned body
And the honest gentle face,
The mothers were happy,
Their faces radiant,
And like children they drew close to him.

But then, when things got tight,
David came down to the city.
The grandfather, Josh, already knew what it meant,
And immediately assumed a stern face,
Or, indeed, fell into a melancholy
From which it was hard to arouse him.
But the grandson brought him around,
And the following conversation took place:
Josh:
A guest, descended as if from heaven.
We'll have to set the table. Sam, where are you?
(He pretends to look for the black Sam,
And digs, as it were, into his pocket.)
David: (With a smile)
Thank you. Don't trouble yourself, Grandfather.

נאָר אומבאַוואוסטזיניק פֿאַר אים אַליין
צו אָפּפֿרישן מיט ערד די שוואַכע קרעפֿטן ?
קען זיין, עס איז געקומען פֿון דער איינפֿאַכקייט
פֿון כּבֿודיקער, פֿרישער און ענערגישער נאַטור
וואָס האָט ניט צוגעלאָזט דעם יונגן יינגל
צו גיין אין וועג פֿון טאַטעס און פֿון זיידעס ?
און ס'האָבן אויך געווּיס די גרויסע דענקער
זייער השפּעה אויסגעאיבט אויף אים,
וואָס ער האָט ניט געקענט זיך איינפּאַסן
אין די באַקוועמע לייכטע לעבנס־פֿאָרמען ?
נאָר ווי עס איז, דער יונג האָט אויסגעפֿירט,
דער אָנקל דזשייקאָב האָט געזאָגט, אַז וואויל
האָט מען געקענט פֿון אים אַזוינס דערוואַרטן,
ער האָט פֿון אימער אַן געוואוסט, דער טרוימער
וועט זיך אַריינעמען אַ משוגעת אין קאָפּ.
נאָר וויוויאַן, און שפּעטער אויך דער אַלטער דזשאָש,
זיי האָבן זיך געהאַלטן שטאָל און אייזן.
און אַז דער אַלטער האָט דעם טשעק געשריבן,
דעם פּרייז פֿאַר דער געקויפֿטער גוטער פֿאַרם,
האָט ער געשריבן אים כמעט מיט פֿאַרגעניגן;
געקרעכצט, געציטערט מיט דער האַנט, געבלאָזן,
און אין די אַלטע אָפּגעלעבטע אויגן
האָט עפּעס וואָס געשימערט ווי דורך טרערן.
דער ריח פֿון דער ערד האָט אים פֿאַרשכורט,
ער האָט געפּאַטשט דעם אייניקל אין פּלייצע,
געוואונקען צו אים מיט אַ כיטרען שמייכל,
און זיך די הענט געריבן פֿון התפּעלות:
אַך וועלן מיר דאָס עסן גוטע עפּל.

נאָר ביז די גוטע עפּל האָט נאָך לאַנג געזוימען;
אַ פֿריער זיינען ערשט געגאַנגען צייטן
פֿון פּאָקן און פֿון מאָזלען. ס'האָט גענומען
די שטאַרקע פֿייערדיקע נאַטור פֿון יונג
דאָס אַלץ אַדורכצוקריכן. דורך דער צייט
האָט ער זיך אָפּגעזונדערט פֿון דער וועלט,
קיין צייט געהאַט אַריינצוקוקן אין אַ בוך,
פֿאַרנומען מיט די בהמות און די הינער,
מיט האָדעווען דעם טאַבאַק און דעם קאָרן.
די מאַמעס האָבן זיך געהאַלטן אין באַקלאָגן,
אַז אים איז ליזי, מאָלי, אָדער רעדי,
(אַלץ דייווידס האָלשטיינס) טייערער פֿון זיי —
איז וואָס דער זון פֿלעגט שמייכלען ברייט און פֿריי
מיט גלימצערדיקע ציין און הייסע אויגן.
און האָבן זיי פֿאַרבייַנקט זיך אים צו זען,
איז האָבן זיי באַדאַרפֿט אים זוכן אויף דער פֿאַרם.
זיי פֿלעגן קומען אומדערוואַרט אין לימוזין,
פֿאַרזאַמען זיך אַביסל, אויפֿראַמען דאָס הויז,
און אָנברענגען אַ טיש מיט נאַשעריי.
צוערשט פֿלעגן די ווייבער זיך באַקלאָגן
און דאגהנען אויף זיינע צאַרטע פֿיינע הענט
וואָס זיינען האַרט און רוי און רויט געוואָרן,
און שטעכן ווי אַ ריבאייזן, פֿאַרגראָבט.
נאָר שפּעטער קוקנדיק אויף אים פֿון נאָענט,
ווי ס'איז דאָס יינגל מענעריש געוואָרן,
ווי ס'האָט די קראַפֿט און ענערגיע געשפּריצט
פֿון דעם עלאַסטיש־מוסקלדיקן קערפּער,
פֿון אָפֿענעם פֿאַרברוינטן מילדן פּנים —
איז זיינען זיי, די מאַמעס, געווען גליקלעך,
די פּנימער האָבן ביי זיי געלויכטן,
און ווי די קינדער זיך צון אים געגלעט.

נאָר דאַן ווען עפּעס האָט שוין צוגעדריקט
פֿלעגט דייוויד זיך אַראָפּלאָזן אין שטאָט;
דער זיידע דזשאָש האָט שוין געוואוסט וואָס ס'מיינט,
און אָנגעצויגן באַלד אַ שטרענגן פּנים,
צי גאָר אַריינגעפֿאַלן אין אַ מעלאַנכאָליע
פֿון וועלכער עס איז שווער געווען אים אויפֿוועקן.
נאָר אַז דאָס אייניקל דערמינטערט אים
קומט פֿאַר אַזאַ מין שמועס אומגעפֿער:

דזשאָש:

אַ גאַסט, אַראָפּגעפֿאַלן ווי פֿון הימל —
מ'עט דאַרפֿן שטעלן כּבֿוד. סעם, וואו ביסטו?
(ער מאַכט זיך ווכבֿדיק דעם שוואַרצן סעם,
און גריבלט כּלומרשט זיך אין קעשענע.)

דייוויד: (מיט אַ שמייכל)

אַ דאַנק, זאָל זיך דער גרויספֿאָטער ניט מיען.

Josh:
But still—oh yes, incidentally, how come
He indulges and tears himself away from the farm?
The cows will cry their eyes out there,
And who will take them for a walk today?
David:
(Bursting out with ringing, loud laughter
So that the grandfather must join
With hoarse, elderly gasps.)
It happens sometimes—better it shouldn't.

Here David becomes serious and starts to talk
As if to an older, loyal, good friend:
Thus and thus, so and so—
Here we need a stall, here we need something else,
It is absolutely necessary. The grandfather
Can see it for himself.

Josh: (Very melancholy)
So that means . . . ?
David: (Very sad)
A thousand dollars.
(The old man jumps up as if scalded,
Opens his mouth wide—a desolate field—
One yellow tooth here, another there,
Throws out his trembling hands
And groans imploringly): A thousand dollars!
David: (With an earnest, humble expression)
A thousand dollars.
Josh: (With a sly expression)
A small matter, only a thousand dollars?
And won't you take less?
David: (With his mind made up)
No.
Josh: (sedate)
And will you take more?
David:
Not more, either.
For now a thousand will be enough.
According to all the figures
A thousand dollars will be enough, enough.
Josh: (he talks now with entreaties)
It's not available. Who has so much cash?
David: (businesslike)
Well, grandfather could sign a note,
They'll give money on his signature.
Josh: (frightened)
A note?
And who will pay the interest on it?
David: (smiling)
Well, I will pay.
Josh: (almost crying)
Yes, with my money.

But later, when the business is finished,
And David kisses the grandfather's yellow hand,
The old man, already indifferent to money,
Gets up to accompany his grandson.
As he leans on David's strong arm,
His old, wrinkled face become animated,
And he is sorry that the boy is leaving.
He holds onto the lapels of David's coat,
And shakes a finger in his face,
Talking half earnestly, half playfully
Looking around to see that Jacob is not there:
He must not fall for a Gentile girl.
That is, actually, Vivian is
As dear to him as his own child,
But one in the family is enough, enough . . .
And David laughs and barely slips out
Of his grandfather's old, boney hands.

ד ז ש אָ ש:

דאָך, אָבער, יע, מחשבותן, ווי קומט עס
וואָס ער האָט זיך פֿאַרגונען אַפּרייסן פֿון פֿאַרם?
די קי דאַרט וועלן אויסוויינען די אויגן,
און ווער וועט היינט זיי נעמען אויף שפּאַציר?

ד י י וו י ד:

(צולאַכט זיך הויך און קלינגענדיק פֿאַרנאַנדער,
אַזוי אַז ס'מוז דער זיידע נאָכהאַלטן
מיט עלטערלעכן הייזעריקן קייכן.)
עס טרעפֿט אַמאָל מען מוז, זאָל עס ניט טרעפֿן, —
און דאָ ווערט דייוויד ערנסט און נעמט ריידן
ווי צו אַן אַלטן טרייען גוטן ברודער:
אַזוי און אַזוי, אַזוי און אַזוי:
דאָ דאַרף מען אויפֿשטעלן אַ שטאַל, דאָ דאַרף מען דאָס,
ס'איז נייטיק אומבאַדינגט. דער גרויספֿאָטער
קען איינזען דאָס אַליין.

ד ז ש אָ ש: (זייער מעלאַנכאָליש)

איז הייסט עס?

ד י י וו י ד: (זייער טרויעריק)

טויזנט טאָלער.
דער אַלטער טוט אַ שפּרונג ווי אָפּגעבריט,
צעעפֿנט ברייט אַ מויל, אַ וויסטע פֿעלד,
איין צאָן אַ געלבער דאָ, אַ צווייטער דאָרט,
צעפֿירט די ציטערדיקע הענט מיט אימפּעט,
און קרעכצט אַרויס תּחנונים: טויזנט טאָלער!

ד י י וו י ד: (מיט ערנסטער הכנעהדיקער מינע)

טויזנט טאָלער.

ד ז ש אָ ש: (מיט אַ כיטרע מינע)

אײן קלײניקײט, בלויז טויזנט טאָלער?
און ווייניקער וועסטו ניט נעמען?

ד ז ש אָ ש: (מיט אַנטשלאָסענער זיכערקייט)

ניין.

ד י י וו י ד: (געלאַסן)

און מערער ווילסטו אויך ניט?

ד י י וו י ד:

מערער אויך ניט.
אַצונדערט, דענקט ער, וועט אים זיין גענוג.
לויט אַלע רעכענונגען וואָס ער האָט
וועט טויזנט טאָלער זיין גענוג, גענוג.

ד ז ש אָ ש: (ער רעדט שוין מיט תּחנונים)

נישטאָ, ער האָט נישט אַזוי פֿיל מזומן.

ד י י וו י ד: (געשעפֿטלעך)

נו, זאָל דער גרויספֿאָטער דאָ צייכנען אַ פּאַפּיר,
מ'עט געבן אויף זיין אונטערשריפֿט.

ד ז ש אָ ש: (דערשראָקן)

אַ פּאַפּיר?
און ווער וועט צאָלן די פּראָצענט' דאַרויף?

ד י י וו י ד: (שמייכלענדיק)

נו, איך וועל צאָלן.

ד ז ש אָ ש: (כמעט וויינענדיק)

יע, מיט מײַנע געלט.

נאָר שפּעטער, אַז עס ווערט געשעפֿט דערלייזיקט,
און דייוויד קושט דעם זיידנס געלע האַנט —
איז שוין דער אַלטער גלייכגילטיק צום געלט,
און הייבט זיך אויף דעם אייניקל באַגלייטן.
ער שפּאַרט זיך אָן אַן דייווידס שטאַרקן אָרעם,
דאָס אַלט־צוקנייטשטע פּנים ווערט באַלעבט,
און ס'איז אים שאַד דאָס יינגל גייט אַוועק,
ער האַלט זיך אָן די לאַצן פֿון זיין בגד,
און טרייסלט מיט אַ פֿינגער אין זיין פּנים
און רעדט האַלב־ערנסט און האַלב־שטיפֿעריש.
און קוקט צו דזשייקאָב איז ניטאָ אַרום —
ער זאָל אַקאָרשט ניט פֿאַלן פֿאַר אַ שיקסל.

ס'הייסט אייגנטלעך, איז אים די וויוויאַן
אַזוי פּונקט טייער ווי אַן אייגן קינד —
נאָר איינע אין משפּחה איז גענוג, גענוג...
און דייוויד לאַכט און גליטשט זיך קוים אַרויס
פֿון זיידנס אַלטע ביינערדיקע הענט.

## D. The Day

Oh! the bright wonderful days
Of our rich, golden autumn!
'It is really not autumn, but summer,
A second summer, bright, golden, red,
Mixed with dark green, bronze, copper,
And vermillion, and the deep blue of the sky.

These are days like wonderful dreams
With much fullness, warmth, and plenty.
The earth spreads out and lets itself go gently,
Tired from its heavy overflow,
Giving off heat
With ripe, full laziness, like a satisfied mother
Who has just nursed her child.
The child is full, raises its head,
And milk still drips from the full breasts.

Warm breezes blow.
The clear moving air is
Like old fragrant wine.
With every breeze, new fragrances
Intoxicate the brain.

Even richer than the day is the morning
When the fiery rim of the sun
Floats out of the blue soft darkness,
And everything takes on an unreal appearance,
Becomes an unknown world
Of unfamiliar, airy colors,
And peculiar, mysterious forms.
The gray trees emerge,
Suddenly their heads are in flames,
The flame slips down lower,
And a tree burns, a carnival of colors,
Leaves, bright red,
Yellow, and deep green,
Everything covered
With dew, the silver-gray breath of night.
The dew runs, flows, evaporates,
And the tree burns with many colors.

Later, light is added to the blue background
And, great God, what a wonder for the eye:
Curled heads of cabbage, tightly leaved,
Juicy fresh, heavy, stiff, and moist,
Long, blackish-green watermelons
With long, yellow spots on their bellies,
Wrapped in nets of yellow leaves.
Large heavy, red tomatoes,
Split from too much juice,
Drag down their plants
And lie on the earth, their mother.
Everywhere the grapevines, full and heavy,
Pour down from the fences
In heavy, overflowing, thick bunches,
Covered with gray dew.
The fever of wine climbs
And creeps everywhere, fills the air
With its sharp, sweet, hot smell.
And birds, birds, birds everywhere,
Red breasts and blue wings,
Black legs and red legs,
Each singing a different song
And warbling and twittering in its own way.

A man can live his life, busy
With his daily, enslaving work,
Carried away and dragged down by his worries,
And never even notice these wonders.
But it sometimes happened, that the same man sees
All of this from a new perspective. The familiar
Suddenly becomes new and fresh and unfamiliar,
An unknown world. The eye becomes pure,
It sees that which it had not seen.
And the man is astonished, excited, frightened.

ד

## דער טאָג

עך, די ליכטיקע און וואונדערבאַרע טעג,
פֿון אונדזער רייכן, גאָלדיק־וואַרעמען הערבסט!
ס'איז אייגנטלעך קיין הערבסט ניט, נאָר אַ זומער,
אַ צווייטער זומער, ליכטיק, גאָלדיק, רויט,
געמישט מיט טיפֿן גרין, און בראָנדז, און קופּער,
און ווערמילאָן, און טיפֿן בלוי פֿון הימל. —

עס שטייען טעג ווי פֿולע ליכטיקע חלומות
אין אומגעהויער זעט, און וואַרעמקייט, און שפֿע;
די ערד האָט זיך צעלייגט און אָפּגעלאָזט פֿאַרצערטלט,
אַ מידע פֿון איר זעטיק־שווערן איבערפֿלוס,
און שלאָגט פֿון זיך מיט היץ, און שטראָמט פֿון זיך
מיט רייפֿער פֿולער פֿוילקייט, ווי אַ זאַטע מאַמע
וואָס האָט נאָר וואָס דעם קינד געגעבן זויגן;
דאָס קינד איז זאַט, האָט אָפּגענייגט דאָס קעפּל,
און ס'טריפֿן נאָך מיט מילך די פֿולע ברוסטן. —

עס ווייען פֿולע וואַרעמלעכע ווינטן,
עס גייט די קלאָרע שטראָמענדיקע לופֿט
ווי אַלטער קלאָרער שמעקעדיקער ווייַן,
מיט יעדן שטראָם דערקומען נייַע ריחות,
און שפּאַרן אָן צו די געהירן, און פֿאַרשכּורן. —

נאָך פֿולער פֿון דעם טאָג איז דער פֿרימאָרגן —
ווען פֿון דער בלויער ווייכער פֿינצטערניש
שווימט פֿייערדיק אַרויס די ראָד פֿון זון,
און אַלץ באַקומט אַ נישט־רעאַלן אויסזען,
אַן אויסזען פֿון אַ נישט־געוועזענער וועלט,
מיט אומבאַקאַנטע לופֿטיקע קאָלירן,
און מאָדנע, בייז־היימיש נישט־דערבליקטע פֿאָרמען —

צוערשט שווימען אַרויס די גרויע ביימער —
און פּלוצים ווערן זייערע קעפּ פֿאַרפֿלאַמט,
און ס'גליטשט דער פֿלאַם אַראָפּ זיך נידעריקער,
און ס'ברענט אַ בוים — קאָלירן קאַרנאַוואַל, —
מיט זייַנע רויטע צונטערדיקע בלעטער,
מיט זייַנע געלבע בלעטער, מיט די זאַפֿטיקע
נאָך טיפֿע גרינע בלעטער, אַלץ באַהויכט
מיט זילבער־גרויען הויך פֿון טוי פֿון נאַכט.
דער טוי צערינט, צעפֿליסט, ווערט אויסגעוועפּט,
און ס'ברענט דער בוים פֿילפֿאַרביק, ריין און קלאָר.

דערנאָך קומט צו דאָס ליכט צום בלויען גרונט —
און, גרויסער גאָט, וואָס פֿאַר אַ וואונדער פֿאַרן אויג;
געוויקלטע קעפּ קרויט פֿאַרפֿלאָכטן האַרט
און זאַפֿטיק־פֿריש און שווער און שטייף און פֿייכט,
און לאַנגע שוואַרצלעך־גרינע קאַוואָנעס
מיט געלע לאַנגע פֿלעקן אויף די בייכער
פֿאַרוויקלטע אין נעצן געלע בלעטער,
און אומגעהויער שווערע רויטע פּאָמידאָרן
וואָס האָבן זייער פֿלאַנץ אַראָפּגעצויגן
און ליגן אויף דער ערד מיט זייער מאַמען,
און שפּאַלטן זיך פֿון איבערפֿלוס און זאַפֿט,
און איבעראַל די שפֿע פֿון די טרויבן
וואָס שיטן זיך אַראָפּ פֿון אַלע פּלויטן
אין שווערע איבערפֿליסיקע געדיכטע הייַנגלעך,
באַהויכט מיט גרויען טוי, מאַסיוו און שווער.
עס דראַפּען זיך די פֿיבערן פֿון ווייַן
און קריכן איבעראַל, און פֿילן אָן די לופֿט
מיט זייער טערפּקן, זיסן, הייסן ריח.
און פֿייגל, פֿייגל, פֿייגל — אומעטום,
מיט רויטע ברוסטן און מיט בלויע פֿליגל,
מיט שוואַרצע פֿיסלעך און מיט רויטע פֿיסלעך,
און איטלעך זינגט אַן אַנדערן געזאַנג
און פּלוידערט און פֿאַרגייט זיך אויף זייַן שטייגער.

אַ מענטש קען אָפּלעבן זייַן וועלט — פֿאַרנומען,
פֿאַרטראָגן און פֿאַרשלעפּט מיט זייַנע דאגות,
מיט זייַנע טעגלעכע פֿאַרשקלאַפֿטע אַרבעטן —
און קיינמאָל גאָר די וואונדער ניט באַמערקן.
נאָר ס'טרעפֿט אַמאָל, דער זעלבער מענטש דערזעט
דאָס אַלץ פֿון נייעם ווינקל — דאָס געוויינטלעכע
ווערט פּלוצים ניי און פֿריש און אומגעוויינטלעך,
אַן אומבאַקאַנטע וועלט. דאָס אויג ווערט לויטער,
ער זעט אַזוינס וואָס ער האָט נישט געזען ביז דאַן —
און ס'בלייַבט דער מענטש פֿאַרגאַפֿט, באַרוישט, דערציטערט.

